יודען, געדענקט, אז דער קאמף געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד דויערט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשן

היינט 20 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 232 | Łódź, Piątek, 4 października 1935 | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ד׳ תשרי תרצ״ו | № 232

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

בלוטיגע שלאכטן אין אביסיניען

איטאליענישע עראפלאנען באמבארדירען אביסינישע שטעט

דער מארש פון די אביסינישע אר־מעען.

אדיס אבעבא, 3 (ספ. טעל.)

די מאביליזאציע וואס איז היינט פערעפענטליכט געווארען דורך היילידסעלאסיע נעמט ארום איבער א מיליאן אביסיניער.

דער פיהרער פון דער צפונ׳דיגער ארמעע איז ראסקאסא, זיין הויפט־קווארטיר געפינט זיך אין קאנדאארע. ער פיהרט אן מיט 250 טויזענד מאן. די דאזיגע ארמעע האט פראוויאנט און אמוניציע אויף צוויי יאהר. אויף מזרח פון טייך טאקאסע שטעהט א ארמעע פון 200 טויזענד מאן אונטער דער אנפיהרונג פון ראס סעאומא. דער גובערנאטאר פון דער פראווינץ מאקסלע גוגסא פיהרט אן מיט א ארמעע פון 150 טויזענד מאן. דער קריגס־מיניס־טער ראס מולוגעטי דארף העלפען דעם טראהן־פאלגער, וועלכער איז גלייכצייטיג גובערנאטאר פון דער פראווינץ וואלא, וואס איז בעדראהט פון א אי־טאליענישען אנגריף.

ראס קעבהנדע מענקעשא, דער גובערנאטאר פון דער פראווינץ קעדער האט אויך בעקומען א בע־פעהל צוצואיילען צו הילף דעם טראהנפאלגער מיט א ארמעע פון 100 טויזענד מאן. די דאזיגע אר־מעע זאל פערטיידיגען דעם צוגאנג צו אאוסא און דאנאקיל.

די הויפט־קווארטיר פון קייזער וועט זיך ווער־שיינליך געפינען אין הארער.

די איטאליענישע אפענסיווע טרעפט אן אויף שוועריגקייטען.

פאריז, 3 (ספ. טעל.)

דער רוימישער קארעספאנדענט פון „טאן" וואס געפינט זיך אין עריטרעא מעלדעט פאלגענדע פרטים פון דער איטאליענישער אפענסיווע.

דאס איטאליענישע מיליטער איז אריבער די אביסינישע גרעניץ דורכ׳ן טייך מארעב אויף פאנ־טעאן בריקען. די איטאליענישע ארמעע איז בעשטא־נען פון אפטיילונגען רעגולערער ארמעע, אפטיילונ־גען פון פאשיסטישער מיליציע ווי אויך אפטיילונ־גען פון איינגעבוירענע. ביים אנהויבען די אפענ־סיווע האט דער איטאליענישער שטאב זיך גערע־כענט דערמיט, אז דאס פערנעהמען אדוא וועט נישט אנקומען לייכט. לויט לעצטע ידיעות געפי־נען זיך ביי דער שטאט 40 ביז 50 טויזענד אביסי־ניער. 20 קילאמעטער פון דער שטאט געפינען זיך די רואינען פון דער אצקום מיט קברים פון די ערשטע אביסינישע מלכים. די אביסיניער האלטען דאס ארט פאר הייליג און ווילען עס נישט אפגעבען אהן קאמף.

דאס איטאליענישע מיליטער האט נאכ׳ן ארי־בערגעהן דעם טייך אנגעטראפען אויף גרויסע שווע־ריגקייטען. עס זענען דארט נישט פארהאן קיין ווע־גען און דאס מיליטער מוז געהן א 60 קילאמעטער אויף שמאלע בערג־וועגען. די אפעראציעס זענען דעריבער זעהר בעשווערט.

מוסאליני וויל נאר פערנעמען סטרא־טעגישע פונקטען.

זשענעווע, 3 (ספ. טעל.)

דער אביסינישער קייזער האט געמעלדעט דער פעלקער־ליגע אז די איטאליענער האבען באמבאר־דירט אדוא פון עראפלאנען און ער פראטעסטירט געגען דער איטאליענישער אקציע.

גלייכצייטיג איז צו דער פעלקער־ליגע אנגעקו־מען א בריף פון מוסאליני׳ן, אין וועלכען ער ערקלערט, אז צוליב דער מאביליזאציע אין אביסיניען איז ער געווען געצוואונגען צו פערארדנען די הויפט־אנפיהרונג אין מזרח־אפריקא ארויסצוגעבען פעראָרדנונגען ווע־גען זעלבסטשוץ געגען מעגליכע אנגריפען. די דא־זיגע פעראָרדנונג קענען בעשטעהן אין פערנעמען עטליכע סטראטעגישע פונקטען.

נאכמיטאג קומט זיך צונויף דער קאמיטעט פון 13 פון אביסינישען פראגע איז צו זעהן, אז צוליב דער באמבארדירונג פון אדוא זענען פארהאן דער־הרג׳עטע און פערוואונדעטע. די באמבארדירונג ווערט ווייטער.

איטאליענער ציהען זיך צוריק.

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

רייטער מעלדעט פון אדיס אבעבא, אז אין צפונ־דיגען טייל פון דער פראווינץ טיגר זאלען פארקומען פערביטערטע קאמפען. די אביסיניער פערזיכערן, אז די איטאליענער ציהען זיך צוריק אונטערן שוץ פון עראפלאנען.

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

די לאנדאנער צייטונגען ברענגען נעגויע פרטים וועגען דער באמבארדירונג פון אדוא. די צאהל פער וואונדעטעאון גע׳הרג׳עטע זאל שוין ביז איצט בע־טרעפען 1700 מאן. די עפענטליכע מיינונג אינטע־רעסירט זיך איצט נאר מיט דער רעאקציע אין שייכות מיט דער רייטליכער איטאליענישער אג־רעסיע פון דער פעלקער־ליגע, וואס וועט זיך צו־זאמענקומען שבת, ערווארט מען פעראָרדנונגען אין הסכם מיט די ענגלישע פאדערונגען פון סאנ־קציעס.

איטאליענישע עראפלאנען באמ־באַרדירען אביסינישע שטעט.

די בעפעלקערונג אנטלויפט אין די בערג.

פאריז, 3 (ספ. טעל.)

לויט מעלדונגען פון „האוואס" האבען זיך די קריגס־אפעראציעס אנגעהויבען דעם 3 אקטאבער פארטאגס דורך דער באמבארדירונג פון אדוא און איניגע אנדערע שטעט. צווישען דער ציווילער בע־פעלקערונג זענען פארהאן א סך פערוואונדעטע. די שלאכט אין אגארדען ענטוויקעלט זיך.

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

פון אדיס אבעבא מעלדעט מען, אז בעת דער לופט־אטאקע פון די איטאליענישע עסקאדרעס זענען אין אדיגראט צושטערט געווארען 100 הייזער אין אדוא 15. צווישען דער בעפעלקערונג פון ביידע שטעט איז אויסגעבראכען א פאניק. די איינוואוי־נער פערלאזען מאסענווייז זייערע הייזער און בע־האלטען זיך אין די וועלדער און בערג.

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

לויט די לעצטע ידיעות פון אדיס אבעבא געהט דאס איטאליענישע מיליטער ווייטער דורך דעם טאהל ביים בארג מוסאלי, נישט אנטרעפענדיג אויף קיין ווידערשטאנד. די אביסינישע ארמעע זאל ווארטען ביים בארג וואלא. מען שמועסט, אז אין די אפע־ראציעס זאלען זיך בעטייליגען 40 עראפלאנען. מען ערווארט, אז מארגען וועלען די איטאליענער אנהויבען א אטאקע אויף אלע פראנטען.

פאריז, 3 (ספ. טעל.)

„פארי סואר" מעלדעט פון אדיס אבעבא: די לעצטע ידיעות פעסטעטיגען, אז די באמבעס וואס זענען אראפגעווארפען געווארען פון איטאליענישע עראפלאנען אויף אדוא האבען אנגעמאכט א בע־דייטענדען היזק. א סך הייזער זענען צושטערט גע־ווארען. צווישען די פערוואונדעטע און דערהרג׳עטע געפינען זיך פרויען און קינדער.

דאס אביסינישע מיליטער רוקט זיך אקעגען דעם איטאליענישען מיליטער, וואס איז היינט ארי־בער די גרעניץ אין דער ריכטונג פון אדוא. עס איז שוין געקומען צו א צוזאמענשטויס צווישען די פארפאסטענס.

צו אונזערע לעזער!

די טעג הויבט זיך אן צו דרוקען אין
„נייעם פאלקסבלאט"
אנ׳אויסערגעוועהנליך
שפאנענדער ראמאן

דער נייער ראמאן איז געבויט אויף אמת׳ע פאקטען און אויף סענסא־ציאנעלע וואהרהאפטע פאסירונגען. דער נייער ראמאן וועט זיך לעזען מיט׳ן גרעסטען אינטערעס פון אנ־הויב ביז׳ן סוף.

געשטארבען דער דעפוטאט וואצלאוו ווישליצקי

די לוויה קומט פאר זונטאג

ווארשא, 3 (טעלעפאניש)

היינט איז אין ווארשא געשטארבען נאך א שווערער צוקער קראנקהייט אין עלטער פון 52 יאהר דער דעפוטאט וואצלאוו ווישליצקי.

דער פערשטארבענער איז מיטוואך אין אוונט געבראכט געווארען אין א שווערען צושטאנד פון שרודבאראוו קיין ווארשא.

נעכטען דאנערשטאג, האלב 9 אינדערפריה ווען זיין פרוי איז אריין אין שלאפצימער האט זי בעמערקט, ווי איהר מאן געפינט זיך אין א בע־וואוסטלאזען צושטאנד, א האלבען קערפער אויפ׳ן בעט און דער אנדערער האלבער קערפער אויף דער פאדלאגע. עס זענען תיכף אלארמירט געווא־רען דאקטוירים, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט דעם טויט.

דער טויט פון דעפ. ווישליצקי האט אין ווארשא געמאכט א געוואלדיגען רושם. עס זענען אנגע־קומען מיטגעפיהל דעפעשען פון אלע מיניסטא־טארען, ווי אויך פון מיניסטארען־ראט, אונטער־געשריבען פון פרעמיער סלאוועק. אין סוחרים פעראיין איז פארגעקומען א טרויער־פערזאמלונג אויף וועלכער פרעזעס ראפאל שערעשעווסקי האט גערעדט וועגען די פערדינסטען פון פערשטא־רבענעם. די רעדע איז אויסגעהערט געווארען שטעהענ־דיגערהייט.

אין ווארשא איז געשאפען געווארען א לויה־קאמיטעט פון פערשידענע געזעלשאפטליכע און פי־לאנטראפישע אינסטיטוציעס, אין לויה־קאמי־טעט זענען אויך בעטייליגט רעגירונגס־פארשטע־הער און פון זשורנאליסטישע קארפאראציעס.

די לויה איז בעשטימט געווארען אויף זונ־טאג, ווייל עס ווערט ערווארט דער זוהן פון פערשטארבענעם, וועלכער קומט צופאהרען פון תל־אביב אויף אנ׳עראפלאן.

ווארשא, 3 (טעלעפאניש)

דער פערשטארבענער דעפ. ווישליצקי איז גע־בוירען געווארען דעם 1־טען יאנואר 1883. בעת דער וועלט־מלחמה האט ער געהערט צו דער ביר־גער וואך אין דער ראנג פון א געהילף־קאמיסאר פון דער בירגער וואך.

אין יאהר 1922 איז ער אויסגעוועהלט געווא־רען אלס דעפוטאט אין סיים אלס רעפרעזענ־טאנט פון יודישען סוחרטום. אין די יאהרען 1928, 193 און 1935 איז ער ווידער געוועהלט געווארען אלס דעפוטאט. ער האט אויך גענומען א טעטיגען אנטייל אין שאפען די האנדעלס און אינדוסטריע קאמערען אין ווירטשאפטליכען לעבען האט ער א בעזונדערער אויפמערקזאמקייט געווידמעט דעם האנדעל, זייענדיג א הייסער פערטיידיגער פון זיינע אינטערעסען.

טרויער - זיצונג אין לאדזער צענטרא־לען סוחרים - פעראיין.

נעכטען איז אין צענטראלען סוחרים־פעראיין פיעטרקאווער 10 פארגעקומען א טרויער־זיצונג פון דער פערוואלטונג און פון פארשטעהער פון אלע בראנזשען, סעקציעס געווידמעט דעם אנדענק פון פערשטארבענעם דעפוטאט וואצלאוו ווישליצקי.

א טרויער רעדע האט געהאלטען דער פרעזעס פון פעראיין איגנאצי יאשונסקי וועלכער האט אין הארציגע ווערטער אויסגעדריקט דעם טרויער נאך דעם פערלוסט פון פערדינסטפולען עסקן.

די אנוועזענדע האבען שטילשווייגענד און גע־ריהרט אויסגעדריקט דעם טיפען טרויער, וואס דער טויט פון דעפ. וואצלאוו ווישליצקי האט ארויס־גערופען אין די ברייטע קרייזען פון יודישען סוחרטום.

גלייכצייטיג איז אויסגעוועהלט געווארען א דעלעגאציע, וואס פאהרט קיין ווארשא זיך צו בעטייליגען אין דער לויה.

דעם 3־טען אקטאבער ד. י. איז געשטארבען

ע״ה וואצלאוו ווישליצקי

סיים־דעפוטאט, פרעזעס פון צענטראלען סוחרים־פעראיין אין ווארשא, וויצע־פרעזעס פון דער האנדעלס־ און אינדוסטריע־קאמער אין ווארשא.

דער פריהצייטיגער טויט האט אויפגעריסען פון אונזערע רייהען אנ׳ארבייט־זאמען און איבערגעגעבענעם קעמפער פאר די יודישע סוחרישע ענינים.

בעדעקט מיט טרויער וועט ביים יודישען סוחרטום אויף אייביג פערבלייבען אין זכרון און אין די הערצער דער אנדענק פון זייער איידעלען און מוטיגען פערטיידיגער.

כבוד זיין ליכטיגען אנדענק!

די פערוואלטונג און דירעקציע פון צענטראלען סוחרים און אינדוסטריעלער פערבאנד
אויף דער לאדזער וואיעוואדזשטווע. פיעטריקאווער 10.

די בעוואוסטע יודישע **שאקאלאדע-פאבריק אין לאדז „ZŁOTY RAJ"**
ווינשט איהרע פערטרעטער און אגענטעד ווי אויך אלע קאנסומענטעד פון גאנץ פוילען **א גמר חתימה טובה** אינהאבער **ש. האלפערן.**

דער בעוואוסטער ניי-ערעפענטער

שיך-סאלאן L. ODERBERG

33 פיעטריקאווער 33 (פריהער פיעטריקאווער 17)

עמפפעהלט צום יעצטיגען סעזאן **די לעצטע מאדעלען שיך**

יום-כפור אין בית-תפלה פון פילהארמאניע

נארוטאוויטשא 20.

טויזענטער מתפללים זענען בעגייסטערט געווארען פון די הארציגע תפלות פון דעם וואונדערבארען חזן ה' **ס. קעסלער.**

די ראש-השנה'דיגע תפלות פון קעסלער

ה' קעסלער

אין פילהארמאניע, האבען די מתפללים איבערצייגט, אז אלע שבחים פאר דעם פראכטיגען חזן זענען נישט איבערגעטריבען.

אויך א גייסטיגען גענוס האט מען געהאט פון די שיינע געזאנגען פון דעם הערליכען גרויסען און נומען כאר אונטער דער לייטונג פון קאמפאזיטאר ה' **רובין.**

כדי צו געבען דעם תענוג די אנדערע, וועלכע האבען נאך נישט געהאט די מעגליכקייט צו הערען דעם שיינעם חזן מיטן גרויסען כאר האט דער בית-תפלה-קאמיטעט בעשלאסען צוצושטעלען נאך איינינע צעהנדליג שטוהלען אויף **יום-כפור.**

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע היינט פרייטאג פון 10 פריה ביז ליכט-צינדען, מוצש"ק גלייך נאך הבדלה, עיו"כ פון 8 פריה ביז 3 נאכמיטאג.

בעמערקונג: צוליב דעם, וואס אן בילעטען וועט נישט אריינגעלאזט ווערען, ווערט דאס ג' עבגליקום געבעטען בעצייטענס זיך בעזארגען מיט בילעטען. אויך ווערט געבעטען צו „כל נדרי" נישט מיטברענגען קיין קליינע קינדער.

דאס בעוואוסטע

טוך- און קארט-געשעפט פון M. TAZBIR

לאדז, פיעטריקאווער 23, פראנט II שטאק, טעל. 226-39

טיילט מיט, אז צום קומענדען **הערבסט-** און **ווינטער-סעזאן** בעזיצט איך אויף לאגער א גרויסען אויסוואל פון די נייעסטע און מאדערנסטע

הערען און דאמען-שטאפען

פון די בעסטע **ביליצער** און **טאמאשאווער סחורות**

צו די ביליגסטע פרייזען.

ספעציעלער אויסוואל פון **רעשטען** וואס מען פערקויפט מיט **30% ביליגער**

געדענקט די אדרעס!

רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג!

אין טאג פון חשבון הנפש.

יעדער יוד מאכט זיך ערב יום-כפור א חשבון הנפש און גיט זיך אגב אורחא א טראכט וועגען דער עקאנאמישער לאגע אין וועלכער ער האט זיך געפונען אין פערגאנגענעם יאהר. נאכ'ן מאכען דעם חשבון הנפש קומט ער צו דער איבערצייגונג, אז איינע פון די סבות פארוואס דעם פערגאנגענעם יאהר איז איהם נישט גוט געגאנגען איז דאס, וואס ער האט נישט געשפילט אויף דער מלוכה לאטעריע. ער דערמאנט זיך דערביי, אז פיל פון זיינע פריינד און בעקאנטע זענען א דאנק דער מלוכה-לאטעריע בעגליקט געווארען און זיי ווייסען נישט פון קיין זארג.

עס איז נאך נישט שפעט. עס איז יעצט די העכסטע צייט זיך בעזארגען מיט א לאס צו דער 1-טער קלאס פון דער 34-טער לאטעריע. די ציהונג פון דער 1-טער קלאס הויבט זיך שוין אן דעם 8-טען ה. מ. ווי עס איז בלעמען בעוואוסט, זענען יעצט איינגעפיהרט געווארען מעגליכע געווינסטען: דאס פערגרעסערט בעדייטענד די שאנסען צו געווינען. חוץ די נארמאלע געווינסטען וועלען נאך ארויסגעצויגען ווערען אין דער 1-טער קלאס 4 טעגליכע געווינסטען צו 25 טויזענט זל. יעדע.

פערזארגט זיך בעצייטענס מיט א לאס צו דער 1-טער קלאס פון דער 34-טער מלוכה-לאטעריע. —

אתרוגים

מבחרים

לולבים

והדסים

ווי אויך ארץ-ישראל-אתרוגים פון דער ערשטער קוועלע הורט און איינצעל איז צו בעקומען ביי

יחיאל קאפעלוש

זגערזשער 2 (רוג יודישע).

א גמר חתימה טובה

און א גליקליך יאהר

ווינשען מיר אלע אונזערע קרובים, פריינד, בעקאנטע, ווי אויך אונזער געעהרטער :---: קונדשאפט. :---:

פ. מאטיל און פרוי

א גמר חתימה טובה

אונזער גאנצער פאמיליע און גוטע פריינד אונזערע געעהרטע לעזער און דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע „נייער פאלקסבלאט".

הענעך קאהן און פאמיליע.

4-קלאסיגע „תחכמוני" מיידעל-שולע אין לאדז שענקעוויטשא 3

די לייטונג פון לעהר-אנשטאלט „תחכמוני" מאכט בעקאנט, דאס אויפ ... וערלאנג פון די ברייטע עלטערן-קרייזען האט דאס קוראטאריום פון „תחכמוני" ... טשלאסען צו עפענען צום נייעם שול-יאהר

א 4-קלאסיגע „תחכמוני"-שולע פאר מיידלעך,

... עלכע בעזוכען די פאוושעכנע שולען, אין דעם ספעציעל פערגרעסערטען און ... געשטעלטען „תחכמוני"-לאקאל.

דער לעהר-פראגראם אין דער מיידעל-שולע „תחכמוני" נעהמט ארום אין ... ער ערשטער רייהע: **העברעאיש,** תנ"ך, יודישע געשיכטע, פאלעסטי... גראפיע א. א. וו.

די שילערינס בעקומען צום שלוס פון שול-יאהר תחכמוני-צייגנישען.

די למודים פאנגען זיך אן דינסטאג, דעם 22.X. 4 נאכמיטאג.

איינשרייבונגען נעהמט אן די קאנצעלאריע פון „תחכמוני" טעגליך פון 9 ביז ... און פון 5 ביז 7 נאכמיטאג.

די דירעקציע.

עפענטליכע דאנקזאגונג.

א הערצליכען דאנק דריקען מיר אויס דעם געעהרטען חזן **שמחה צוקער** מיט'ן כאר פאר זיין זיס און הארציג דאווענען ר"ה אין בית הכנסת „סיני" און פערשפרעכען אונז מיט זיין דאווענען א בעימות'דיגע און רוחניותדיגע שטימונג. גלייכצייטיג ווינשען מיר איהם א גמר חתימה טובה.

אין נאמען פון די מתפללים פון „סיני"

די גבאים: **וואלף סוסעק. מרדכי מאסטבוים**

א גמר חתימה טובה

צום נייעם יאהר ווינש איך מיינע געעהרטע חברים לדעה, די עוסקים בצרכי צבור באמונה, ה' יעקב-דוד געלבארד, ה' שלמה דוד לעווקאוויטש, ה' ישראל זעלמאנאוויטש.

מלך זאליק.

פרוי און פאמיליע.

אתרוגים

מבחרים

לולבים והדסים

ווי אויך **ארץ-ישראל-אתרוגים** פון ערשטער קוועלע הורט און איינצעל איז צו בעקומען ביי

נפתלי פרידמאן, לאדז

זונטאג: **אלט-שטאט 15**

ווי אויך **נאוואמיעסקא 17** אין דער צוקערניע שטייער טעל. 188-05, 140-61

א גמר חתימה טובה

ווינש איך דער געעהרטער רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט", אויך אלע חברים פון נ.צ.א. אין לאדז און אלע מתפללים פון די חברה „תפארת בחורים" זגערזשער 46 און מיין גאנצע משפחה פון נאהענט און פון ווייטענס און אויך מיינע געעהרטע קונדשאפט און אלע מיינע בעקאנטע ווינש איך א גליקליך יאהר, און בעזונדערס ווינש איך דעם ה' משה בונם לאנדוי און פרוי א געזונד און גליקליך יאהר.

אברהם בלאכמאן.

לאדז, זגערזשער 64.

---

1 זל. 1 זל.

סוכות

איך גיב אויף אפגוץ **סוכות** פון העלע נייע ברעטער פון 1 זל. אן א וואנד. צו בעקומען אין דער בעוואוסטער קיסטען-פאבריק **פאמארסקא 37,** טעל. 94-140.

פערזארגט אייך בעצייטענס.

1 זל. 1 זל.

שבת צו נאכט

וועט זיין טעטיג

די מקוה

ביז 11 א זייגער פאר פרויען און פון 12 פאר מענער

מקוה מיט **שוריץ**

יצחק בער שטערן.

„אגרומי"

געז. מ. ב. ה.

לאדז, קאשטשעלנא 1 טעל. 133-88

פירמע מאכען מיר בעקאנט אונזערע געעהרטע קונדען, אז מיר האבען שוין ערהאלטען

אתרוגים און לולבי'ן

ווי אויך מבחרים שמבחרים.

סוכות

פערטיגע פון טישלער-ברעטער מיט קייטלען אויך **באלקאן-סכות** אויף אפגוץ און צו פערקויפען **פולנאצנא 26** ווי אויך **פאמארסקא 45** אויך ברעטער און לאטעס אויפ'ן פוד צו זעהר ביליגע פרייזען. קומט און איבערצייגט אייך! געדענקט די אדרעס: **פולנאצנא 26** ווי אויך **פאמארסקא 45.**

אתרוגים

מובחרים

לולבים והדסים

במקח השוה, הורט און ענצעל

ביי **עמנואל קאפעלוש**

פלאץ וואלנאשטשי 10.

אתרוגים

קארפירער און **פאלעסטינער**

לולבים און הדסים טובחרים שבמובחרים

דערמיט מאך איך בעקאנט די ג. הורט-סוחרים אין לאדז און פון דער פראווינץ, אז איך האב געבראכט דירעקט פון גריכענלאנד און פאלעסטינע, וואו איך בין אליין געווען און איבערגעקליבען די שענסטע **אתרוגים** לולבים והדסים **במקח השוה.** איילט זיך און קויפט ביי מיר דירעקט. **וכל הקודם זכה!**

פערקויפס-שטעל

נאוואמיעסקא 24 ביי **ח. פישהאף.**

הורט-פערקויף פון קאלאניאל-ווארען און פרוכטען

ב. פישהאף, 11 ליסטאפאדא 47 טעל. 169-20

„חבצלות"

אין צוזאמענהאנג מיט דער פעראררנונג פון שול-קוראטאריום צו שליסען די שולע פון ה' קאמיניעץ דעם 1/10 35 האבען מיר דעם כבוד צו מעלדען, דאס אלע לעהרער הן פון למודי קודש הן פון למודי חול פון דער אויבענדערמאנטער שולע האבען געגרינדעט א **7-קלאסיגע רעליגיעזע טעכטער-שולע** וועמענס ציטווייליגער לאקאל געפינט זיך (צוליב'ן רעמאנט פון שול-לאקאל) אויף

פילסודסקיעגא 62 פראנט 1 שטאק.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען טעגליך פון 2 ביז 7 אווענד אין דער קאנצעלאריע פון דער שולע.

בעמ. דער רעליגיעזער כאראקטער פון דער שולע ווערט געזיכערט דורך דער לייטונג פון דעם בעקאנטען אגודה-עסקן ה' בילויער און הרב פרידענזאן אין דער שפיץ.

מיט אכטונג די לייטונג.

אתרוגים

מובחרים

לולבים והדסים

במקח השוה, הורט און ענצעל

ביי **גאלדשטיין** און **קארן**

נאוואמיעסקא 12, ביי נאושרושיק

און נאוואמיעסקא 4, ביי קלאצמאן

נאר פאר מענער!

דער לאנג-עקזיסטירענדער לאדזער **ערשטקלאסיגער** ספעציאליסט פון הויזען איז צוריקגעקומען פון **פאריז.** ווער עס וויל טראגען הויזען לויט דער **לעצטער מאדע** דארף זיך ווענדען נאר צו דעם ספעציאליסט פון הויזען.

S. FAJWLEWICZ אלעע 1. מאי 2, פראנט, 1. שטאק

רעקלאמע פרייזען! קומט און איבערצייגט אייך!

וויכטיג פאר דאמען!

נאר פאר **2** זל, ווערט איבערגעמאכט די עלטעסטע

היטען

אויף גאנץ ניי ווי אויך נייע היטען צו **3.50**

Modystka „TOLA"

23 Zawadzka 23

געשאַפען א יוד. קאָלא אין סיים און סענאַט

צו דער קאָלא געהערן די דעפּוטאַטען זאָמערשטיין, רובינשטיין און סענאַטאָר שאַר

וואַרשאַ, 3 (יט"א טעל.)

היינט האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ פּאַרלאַמענטאַר'שע יודישע קאָלאָ, וועלכע בעשטעהט פון 3 פּערזאָן די דעפּוטאַטען זאָמערשטיין און רובענשטיין און סענאַטאָר שאַר. פאָרזיצער פון קאָלא איז דעפּוטאַט זאָמערשטיין. דאָס קאָלא האָט ארויסגעגעבן פאָלגענדען

אויפרוף צום יודישען פאָלק:

יודען! היינט איז געשאַפען געוואָרען אַ יודישע קאָלאָ פון סיים און סענאַט אַלס נאַציאָנאַל־יודישע רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע וועט ווי ביז־איצט פיהרען אַן׳אָפּהענגיגע פּאָליטיק, וועט זיין אויף דער וואַך פון די יודישע רעכט און וועט זיין אַן׳אויסדרוק פון די עולות בעדערפנישען און פאָסטולאַטען פון יודישען פאָלק. די נייע וואַהל־אָרדינאַציע איז אַזעלכע, אַז די יודישע רעפּרעזענטאַנץ ענטשפּרעכט לגמרי נישט די 3 און אַ האַלבען מיליאָניגע יודישע בעפעלקערונג אין פוילען, די פאַראַנטוואָרטליכקייט איז דעריבער אַ ריזיגע און שטייגט איבער די כוחות פון יחידים, די יודישע קאָלאָ וועט אָבער שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטען די נאַציאָנאַלע בירגערליכע און עקאָנאָמישע רעכט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען.

פּראָצעס פון די „נאַרא“־לייט אין וואַרשאַ

וואַרשאָ, 3 (טעלעפאָניש)

היינט איז פאָרגעקומען די פאָרטזעצונג פון פּראָצעס פון די „נאַראַ“־לייט, וואָס האָבען אין פערגאַנגענעם יאָהר אַרויסגערופען אַנטי יודישע אויברוהען אויף „פּאַוואַנזעק“ און דער׳הרגעט דעם יודישען בעקער יחזקאל דעלמאַן.

היינט זענען אויסגעהערט געוואָרען אַ רייהע וויטערדיגע עדות דערונטער אויך דער בעקאַנטער גלח קליגער, ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט אָנגעפיהרט מיט אַ קאַטוילישער פּראָצעסיע אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט פרויען און קליינע קינדער, אויף דער דאָזיגער פּראָצעסיע זאָל האָבען אָנגעפאַלען יודען.

דער פּראָקוראָר שטעלט פעסט, אַז אין דער וואַרשאַוער פּראָקוראַטור איז נישט בעקאַנט וועגען אַזאַ פאַל.

נעכטען איז אויך אויסגעהערט געוואָ־ען דער זוהן פון ערמאָרדעטען דעלמאַן. ער האָט געשילדערט ווי אַזוי זיין פאָטער איז הערענדיג אַ טומעל אַרויס פאַר דער טיר פון זיין וואוינונג און דאָרט האָבען איהם די כוליגאַנעס ערמאָרדעט.

פּרעמיער סלאַוועק וועגן דעם נייעם סיים

וואַרשאָ, 3 (טעלעפאָניש)

אין דער היינטיגער „גאַזעטאַ פאָלסקאַ“ איז פערעפענטליכט געוואָ־ען אַ אינטערוויאו מיט׳ן פּרעמיער סלאַוועק וועגען די צילען און אויפגאַבען פון נייעם סיים.

רעדענדיג וועגען די וואַהלען האָט פּרעמיער סלאַוועק פעסטגעשטעלט, אַז צום בעדויערען, זענען בעת די וואַהלען נאָך נישט אויסגעמיטען געוואָרען אַלע שלעכטע מנהגים פון די פריהערדיגע וואַהלען און נעמליך די זעלבסט רעקלאַמע, פון די קאַנדידאַטען. איך ווייס נישט האָט פּרעמיער סלאַוועק געזאָגט — אויב דער וואָס האָט מיט דער אַגיטאַציע לטובת זיך בעזיגט דעם אַנדערען קאַנדידאַט האָט עפּעס דערפון אַ נוצען. ער האָט אפשר געווינען שטימען.... אָבער צי ער האָט פאַקטיש געווינען אַכטונג ביי אַנדערע מענשען און אפילו ביי זיך אַליין?

פּרעמיער סלאַוועק איז אויך אַרויסגעטרעטען געגען די צו לאַנגע רעדעס אין סיים. זעלטען ווען ס׳זענען געהאַלטען געוואָרען רעדעס, וועלכע מען האָט געקענט אויסהערען מיט אויפמערקזאַמקייט. דער נאָרמאַלער צושטאַנד איז געווען, אַז דער סיים איז געוואָרען פול ווען מען האָט געדאַרפט שטימען, און די דעפּוטאַטען זענען אַנטלאָפען ווען אויף דער טריבונע האָט זיך בעוויזען אַ רעדנער. אַ פּראַקטיש מיטעל געגען דעם זעהט פּרעמיער סלאַוועק אין בעגרעניצען די רעדעס פון דער טריבונע. זאָל יעדער דעפּוטאַט רעדען שטעהענדיג אויף זיין אָרט.

פּרעמיער סלאַוועק האָט אויך בעריהרט די פראַגע פון פּראָטעקציע און די אַזוי גערופענע אינטערווענצען אין פריוואַטע ענינים פון פערשידענע ענינים. ווייטער האָט פּרעמיער סלאַוועק ערקלערט אַז ער איז אַ אָנהענגער פון אָפּשאַפען יעדע בעגרענצונג ביים אָפּגעבען אינטערפעלאַציעס און קודם־כל געגען דער פאָדערונג, אַז אַ אינטערפעלאַציע מוז האָבען מעהר אונטערשריפטען. דאָס רעכט פון קריטיק פון דער רעגירונג און דאָס רעכט אַריינצוטראָגען אינטערפעלאַציעס דאַרף האָבען יעדער דעפּוטאַט.

יוד. פאַר־פאָלק פערטשאַדעט צום טויט

וואַרשאָ, 3 (טעלעפאָניש)

אין יאַבלאָננאַ האָבען דאָס פּאָרל יוסף אהרן אַלטזאָן פון וואַרשאָ 25 יאָהר אַלט, און אסתר מאַרקאָווסקאַ 25 יאָהר, זיך איינגעאָ־דענט אַ בעקעריי. נאָך יום טוב האָט געזאָלט פאָרקומען זייער חתונה.

נעכטען האָבען די שכנים בעמערקט, אַז זיי האָבען נישט פערלאָזען די וואוינונג, מען האָט געעפענט די טיר און מען האָט געפינען ביידע פערטשאַדעט, דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט פון ביידע.

קויף א גליקליך לאָס
צו דער איצטיגער I־טער קלאַס
ביי פיינגאָלד'ען אין דער קאָלעקטור
I. A. FAJNGOLD
Łódź, Śródmiejska 8, Tel. 108-99

רעפּרעזענטאַציאָנס־קינא
RIALTO
1 פּושעיאַזד 1
אונטער א נייער פערוואַלטונג
אָנהויב 6, 8 און 10 א זייגער אָווענד.
היינט פייערליכע ערעפענונג
אינאויגוראַציאָנס־פּראָגראַם:
פּרעכטיגער ווינער פילם, רעאַליזירט לויט דעם וועלט־בעריהמטען ווערק פון Artur Schnitzler א. ג.
„ליבעלעי“
(„LIEBELEI“)
אין די הויפּט־ראָלען:
Magda Schneider,
Olga Chechowa,
Willy Eichberger,
Paul Hörbiger,
Luiza Ullrich
הנחה־בילעטן און פרײַקאַרטען אונגילטיג.

מאָדערנע: דאַמען־שיך
אין גוטע קוואַליטעט בעקומט מען נור ביי
A. Ogórek
Łódź, Zawadzka 11 — tel. 202-86
בעמערקונג: א ספּעציעלע אָפּטיילונג פון מענער־שיך

אין דער וואַצאַרניע
„FYFFES“
פּיעטריקאָווער 50
איז אָנגעקומען א קלענערער טראַנספּאָרט
גרעפּפרוכטען

Dr. med. **I. Bette**
ספּעציאַליסט פאַר אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
PIOTRKOWSKA 6 tel. 144-95.
נעהמט אָן פון 8–11 און פון 4–6

ד"ר מ. וויינבערג
מעד.
נערווען־קראַנקהייטען (עלעקטריזאַציע)
זשעראָמסקיעגא 25
טעל. 172-20
צוריקגעקעהרט
נעהמט אָן פון 5–8 אָווענד.

Dr. med. H. WEISHOF
Śródmiejska 5
tel. 162-95
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט.
נעמט אָן פון 4–7 נאָכמיטאָג.

צו פערמיטען
א פראָנטאָווע געוועלב
מיט א וויסטאַווע אויף פּיעטריקאָווער 17.
צו ערקונדיגען אוים׳ן אָרט אין הויז־אַדמיניסטראַציע.

ד"ר ל. שיפּמאַן
איז אַרויסגעטרעטען פון דער לעמשניצע בזשעזשינער 11
און נעהמט אָן ביי זיך אינדערהיים
זאַכאַדניאַ 64
פון 4 ביז 7 אָווענד.

Dr. med.
W. Łaski
ספּעציעל אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
נעמט אָן נור 2 שעה פון 11 ביז 1 בייטאָג
Plac Reymonta 3/4 אויף גייערס מאַרק

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געוועזענער אַסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פּאַריז.
(ספּעצ. פאַר פרויען־קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט).
דיאַטערמיע, עלעקטראָקאָאַגולאַציע.
נעהמט אָן אין לאָדז
פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 4—6 נאָכמ.

בעקאַנטמאַכונג.
מיר מאַכען בעקאַנט דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג, אַז די שחט־הייזער, וועלכע זענען געעפענט געוואָרען א דאַנק דער אינטערווענץ פון פּרעזעס
ר' לייבל מינצבערג
און געפינען זיך תחת השגחת הראַבינאַט, געפינען זיך אויף פאָלגענדע ערטער:
פּילסודסקיעגאָ 43, פּילסודסקיעגאָ 7 און זאַכאַדניאַ 58.
שוחטי עופות וואָלבאָרסקאַ 8.

צו אַלע דאַמען־שניידער בעשטעלט אין לאָדז,
מיטגלידער און נישט־מיטגלידער!
צוליב די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען פון די אַרבייטער רופען מיר אַלע צו קומען אויף
א געמיינזאַמע פערזאַמלונג
וועלכע קומט פאָר שבת צו נאַכטס, דעם 5 אָקטאָבער ד. י. 6 א זייגער אָווענד אין לאָקאַל פון צענטער, האַנדווערקער־פערבאַנד פּילסודסקיעגאָ 69, כדי אַרומצורעדען די יעצט געשאַפענע לאַגע איז פאַר.
מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

לעזט און פערשפּרייט
דעם נייעם
פאָלקסבלאַט

Dr. med.
IGNACY MARGOLIS
אויגען־קראַנקהייטען
Piotrkowska 113, tel. 165-17
צוריקגעקעהרט
ניהמט אָן פון 1 ביז 2 און פון 5 ביז 7.

אונזערע ליבע פריינד
דוד וויסבאַרד און פרוי
צו דער פאַרלאָבונג פון זייער ליבען זוהן
מאַניעק וויסבאַרד
מיט פרל. סאַלאַ שוואַרץ
ווינשען מיר א הערציגען מזל־טוב און דעם יונגען פּאָר א גליקליכע צוקונפט.
גלייכצייטיג ווינשען מיר די מחותנים א גמר חתימה טובה צום נייעם יאָהר.
איטשע יוסף וואַלדמאַן און פאַמיליע.

געז. „קולטור־ליגע“, זאַכאַדניאַ 68
זונטאַג, דעם 13־טען אָקטאָבער, 12 א זייגער בייטאָג
קומט פאָר אין „פילהאַרמאָניע“ — א גרויסער
קאָנצערט פון פאָלקס־כאָר
ביי דער געז. „קולטור־ליגע“ אונטער לייט. פון פּראָפ. רידער.
אין פּראָגראַם: א רייהע נאָך נישט אויסגעפיהרטע ווערק פון געלבאַרט, שייפער, שטראַוס און אַנד.
אויסערדעם א פּירל־קאָנצערט מ' **מאַרצעלי נוימילער** פון יונגען ווירטואָז
סאָלאָ־געזאַנגען, אויסגעפיהרט דורך די סאָליסטען פון פאָלקס־כאָר. ביים קלאַוויר: פּראָפ. רידער.
בילעטען פון 54 גר. אָן שוין צו בעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון „קולטור־ליגע“, זאַכאַדניאַ 68, טעל. 191-15.

ב"ה
לאַפּרישאַ מאַיסורא
וואָרנונג פון ראַבינאַט
די מקוה זשעראָמסקיעגאָ (פּאַנסקאַ) 53 איז געאַסר'ט און איז פּסול.
ועד הרבנים לעדת לאדז.

ועד הקהלות אין ענגלאנד
פראקלאמירט א באיקאט-רעזאלוציע

לאנדאן, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
דער ועד הקהלות האט אנגענומען א פייערליכע באיקאט - רעזאלוציע, אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, אז יעדער יוד, וואס אכטעט זיך אליין, טאר נישט קויפן קיין דייטשע סחורה.

שמיץ!!!
מיט אזא שטראף „פערטיידיגט" אנ-ענגלישער ריכטער דעם יודישן כבוד..

ירושלים, 3 (יט"א טעל.)
דער ריכטער בארלין אין יפה האט פערו-משפט אויף 12 שמיץ דעם 17-יעהריגען צבי סאפרא, דערפאר וואס ער איז געשטאנען אויף א פיקעט פאר א יודיש געשעפט, וועלכעס האט פערקויפט דייטשע סחורות.

די מאטיוון זענען געווען, אז נאכטועדיג די מעטאדען פון אנטי-יודישען באיקאט אין דייטש-לאנד, האט סאפרא געבראנגט שאדען דעם יודישען פאלק.

קאמיטעט פון 13 שטעלט צונויף דעם ראפארט פון דער פעלקער - ליגע.

זשענעווע, 3 (ספ. טעל.)
היינט איז זיך צוזאמענעקומען דער קאמיטעט פון 13 בכדי צוצוגרייטען דעם ראפארט אין הסכם מיט'ן ארטיקעל 15 פון פעלקער-ליגע אפמאך. דער קאמיטעט האט אדורכדיסקוטירט א טייל פון ראפארט.

דער קאמיטעט יועט זיך ווידער צוזאמענקומען פרייטאג נאכמיטאג, אדער שבת אינדערפריה פאר דער זיצונג פון ראט, אויף וועלכער עס וועט אויך פארגעלעגט ווערן דער פראיעקט פון ראפארט.

לאדזער נייעס

פישעל ליבערמאן וועט נישט אננעמען די נאמינאציע צום ביראט בעשלוס פון ועד הפועל פון דער „אגודה".

ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער ועד הפועל פון דער „אגודה" בעשלאסען, אז פארזעס פון לאדזער קהלה-ראט פישל ליבערמאן זאל נישט אננעהמען די נאמינאציע צום לאדזער ביראט.

שטרייק ביי די דאמען - שניידער בעשטעלט

ביי די דאמען-שניידער בעשטעלט איז אויס געבראכען א שטרייק צוליב די ארויסגעשטעלטע לוין-הוספות. וועגען דער געשאפענער לאגע קומט פאר שבתצונאכטס א פערזאמלונג אין צענטר. האנדווערקער-פערבאנד פילסודסקיעגא 69.

ראדיא-פראגראם
פרייטאג, דעם 4. אקטאבער

6.50 גימנאסטיק, 7.50 פליטען, 7.20 מארגען פרעסע, 7.55 פראגראם, 8.00 אינפארמאציעס, 8.10 אווידיציע פאר שולען, 12.03 צייט-סיגנאל, 1.40 אווידיציע פאר דערוואקסענע קינדער, 1.25 קאנ-צערט, 1.30 פאר פרויען, 4.30 פליטען, 3.15 לאדזער בערזע, 3.25 ווארשאווער בערזע, 3.30 עקספארט, 4.00 לייכטע מוזיק, 4.15 שמועס פאר קראקע, 4.45 קאנצערט, 5.00 שמועס, 5.15 רעפארטאזש, 5.20 פאעזיע, 5.50 קווארטעט. 6.00 ספארט, 6.30 קאנצערט, 6.40 שמועס, 6.45 שמועס, 7.10 פליטען, 7.20 פראגראם אויף מארגען, 7.35 קאנצערט, 7.40 ספארט, 8.00 מאנאלאג, 8.50 אפערעטקע, 9.00 אווענד ידיעות, 10.20 קאנצערט, 11.00 פליטען, 11.05 מעטעאראלאגישע ידיעות, 11.30 טאנץ מוזיק.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
ציגעל-גאס 27.

א גרויסער
וואָרט-קאָנצערט
מאנטאג, דעם 7-טען אקטאבער, מוצאי יום-כפור, 8.30 אוונט קומט פאר אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אנ'איינמאליגער אויפטריט פון דער בעריהמטער וואָרט-קינסטלערין
רחל האָלצער
איז א פולשטענדיג נייע פראגראם.
בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאסע.

פון שטאטישע פוילישע טעאטער

אין שטאטישען פוילישען טעאטער ווערט היינט פרייטאג 8,30 אוונד געגעבען א פרעמיערע „שעס-נאסטאלאטקא". מארגען שבת בייטאג ווערט גע-שפילט „מיט קאשטשעלקאא" און אין אוונד — „שעסנאסטאלאטקא".

אין פאפולארנע טעאטער

היינט פארמיטאג און מארגען שבת אוונד ווערט געשפילט די קאמעדיע „מילאשטש נא פאד-דאשו".

ביי מענשען, וואס ליידן אויפ'ן מאגן, קישקעס און שלעכטע שטאף-ווערכסלונג
דערווערט דאס נאטירליכע ביטערוואסער FRANCISZKA JÓZEFA א ריכטיגע פונקציאנירונג פון מאגן, ערלייכטערט די פעהיגקייט פון טראכטען און ליגט צו דער ארבעט, פרענט דאקטוירים, צו בעקומען אין אלע אפטייקען און מקלער-אפטעטשגעס.

שוהל „סיני"

אין דער שוהל „סיני", גלובנא 62, דאווענט אין די ימים נוראים דער חזן שמחה צוקער מיט א גוטען :אר. זיין דאווענען נעמט שטארק אוים ביים עולם.

יודיש מיניאטור „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20. • נאר 3 גאסטשפילען פון

ר. שושנה און מאריס לאמפע

מיט זייער ערשטקלאסיגען אנסאמבל.
היינט, פרייטאג, 9 אוונט, מארגען, שבת, 3.30 נאכמיטאג, מאנטאג, דעם 7 ד. ח. (מוצאי יום כפור) 9 אוונט
ס'ווערט געשפילט דער סענסאציאנעלער שלאגער
אורקע נאכאלניק'ס „דין-טורע"
עסע אין 4 אקטען 9 בילדער מיט פראלאג און עפילאג. אינסצענירט פון ר. שושנה. רעזשי: מאריס לאמפע. גנבים-לידער / טענץ / מוזיק פון דוד בייגעלמאן.
כארעאגראפיע: לאה ראטבוים. פרסים אין די פראגראמען. בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער „פילהארמאניע".

5 שרודמיעסקא 5 „SALUS" דער נייערעפענטער
לוקסוס-שיך-מאגאזין א. פ.
אין עלעגאנטע א רייכער אויסוואהל שיך פון הערן, דאמען און קינדער-שיך צו זעהר נידעריגע פרייזען. גאראנטירטע ארבייט

די פרעהליכסטע פוילישע קאמעדיע א. ג.
A. B. C. פון ליבע
אין די הויפטראלען: Marja Bogda, Adolf Dymsza i Kazimierz Krukowski
נעכסטער פראגראם: „די בחורים פון שלאכט-פעלד".
פרייזען פון די פלעצער: 1-טע – 1.09 זל., 2-טע – 90 גר., 3-טע – 50 גר., הנחה-קופאנען 70 גר. אנהויב 4 נאכמ., זונטאג 12

לאנג-קינא-טעאטער
PRZEDWIOŚNIE

זשעראמסקיעגא 74/76
(רוג קאפערניקא)
היינט און פאלגענדע טעג

נור 3 צעגעלניאנא 3
אין די ביליגסטע קוועלע פון

סדורים מחזורים
תפלות חומשים
תפילין ציצית
• שול-ביכער •
יודישע, העברעאישע און פוילישע אין דער ביכהאנדלונג
„יהודית"
3 צעגעלניאנא 3
פראנט-געשעפט
ווידערפערקויפער בעקומען גרעסערע ראבאט

ד"ר מעד.
וויקטאר מיללער
אינערליכע קראנקהייטען
(ספעצ. רעומאטישע קראנקהייטען)
שענקעוויטשא 40, טעל. 146-11
נעמט אן פון 4.30 ביז 7 אוו.
גאבינעט פון פיזיקאלישע טעראפיע.

DR. MED.
H. Lajchter
צאהן-כירורג
צוריקגעקעהרט.

Dr. ALTERMANOWA
פרויען-קראנקהייטען און אקושעריע
וואוינט יעצט
Sienkiewicza 40
telefon 177-27.

Dr. med.
G. GERSZTAJN
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אן פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 8.30

Lekarz Dentysta
Fr. Bierzwińska
Przejazd 19 (Kilińskiego 93)
tel. 226-19
POWRÓCIŁA
godz. przyjęć: 9–12, 2–5.

ביליג דירה-געלד
צוליב אפרייזע קיין פאלעסטינא איז איבערצוגעבען אין צענטרום שטאט
א גוטע ביר-שענק
מיט די גאנצע איינריכטונג מיט א וואוינונג, ביליג דירה-געלד. אפערטען אין אדמיני. פון דער צייטונג אונטער „ביר-שענק" 1794

טאנץ-שולע פון פראפ.
I. WILCZEK
פעטריקאווער 120, טעל. 222-71
הייבט אן פאר אנפאנגער מאדערנע טאנץ-קורסען, דינסטאג ד. 8 אקטאבער ה. י. פיגור-טענץ, דאנערשטאג ד. 10 אקטאבער ה. י. צוגענגליכע פרייזען. די קאנצעלאריע איז טעטיג פון 10–2 פארמ. און פון 4 10 אוו.

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
POWRÓCIŁ
spec. chorób wenerycznych, seksualnych i skórnych
(Gabinet Roentgeno- i światło-leczniczy)
Piotrkowska 70, tel. 181-38
Przyjmuje: od 8[30] do 1[30] rano, od 1-ej do 2[30] pp. i od 6 do 8[30] wiecz
W niedzielę i święta od 10 r. do 1 pp.

צאהן-ארצט
G. Szymańska
נארוטאוויטשא 3
טעל. 110-84.
נעהמט אן פון 10-1 און פון 3-8 אוו.

Dr. med.
M. JAKUBOWICZ
צוריקגעקעהרט
פאלודניאווא 9, טעל. 109-71
נעמט אן פון 10–12 און פון 4–6 אוונד

Dr. med.
ANTONI ZALEWSKI
Chirurgja i Ortopedja
przeprowadził się
na ul. GŁÓWNĄ 5, tel. 136-60.
przyjmuje od 4–6 popoł.

צאהן-ארצט
J. Karmazyn
צוריקגעקעהרט
2 POŁUDNIOWA 2
נעהמט אן פון 9–1 און פון 3–7 אוועגד.

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראלאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-9
נעמט אן פון 9–11 און פון 6–8 אוונט

Dr. med.
Miecz. ARBUS
אינערליכע קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
[ג]דאנסקא 68, טעל. 114-16.

Doktór
A. S. TENENBAUM
Piotrkowska 109, tel. 220-
powrócił.

Dr. med.
JÓZEF FRANK
[נ]ירען-, נאז- און האלז-קראנקהייטען
נארוטאוויטשא 36
טעל. 237-14
נעמט אן פון 12–2 און פון 8–9 אוו.

שוין איין קורצע דינה האלפערן און סעם בראנעצקי — אין לאדז —

געשאסן א מענשען און בעפרייט געווארן

(א) דעם 21 יולי, 3 פארטאג, איז אין דעם נאכט לאקאל „טאבארין" (אויף נארוטאוויטשא 20) אויס געבראכן א ווילדע אוואנטורע, וואס האט זיך פער ענדיגט מיט'ן טויט פון דעם פארטיער, דעם 30-יעה ריגען סטעפאן אשיעצקי (פון זאכאדניא 18).

די בלוטיגע אוואנטורע האט געהאט פאלגענדען פערלויף:

ארום האלב 2 בייננאכט זענען אין „טאבארין" ארייננעקומען 2 געסט, ציוויל אנגעטון.

געקומען זענען זיי שיכור'הייד, און זיי האבען זיך פערהאלטען אגרעסיוו אין בעצוג צו בעזונדערע געסט, וואס זענען זיי נישט געפעלען געווארען...

די לייטונג פונם לאקאל האט דעריבער בעשלאסען זיי פטור צו ווערען, און אויף א דיסקרעטען אופן האט מען איינעם פון זיי — בעת דער גאנצער זאל האט געטאנצט — ארויסגעקריגען אין דער שאטניע אריין.

גלייך דערנאך האט מען צוגעשיקט צום צווייטען א „פיקאלא", באשר בכן זיין קאלעגע רופט איהם אין דער שאטניע.

בזה האופן האט מען די ביידע שיכורע געסט ארויסגעקריגען אינם פיר-הויז, וואו עס איז שוין געשטאנען און געווארט א פאליציאנט און דער פארטיער אשיעצקי.

מ'האט זיי געוואלט ארויסווארפען אויפ'ן גאס, און אז יענע האבען דערזעהן וואס מ'געהט זיי טון, האבען ביידע מאמענטאל ארויסגעכאפט רעוואל-ווערען.

ביי איינעם פון זיי איז דעם פאליציאנט געלונגען דעם רעוואלווער ארויסצורייסען, אבער דער צווייטער האט נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און אנגעהויבען שיסען...

5 קוילען האט ער אויסגעשאסען, פון וועלכע 3 האבען געטראפען דעם פארטיער אשיעצקי, וועלכער איז א שטערבליך פערוואונדעטער אנידערגעפאלען צו דער ערד.

מ'האט באלד ארויסגערופען פאגאטאוויע און אידער נאך מ'האט איהם דערפיהרט צו שפיטאל, איז ער געשטארבען.

שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער שיסער איז געווען דער פארוטשניק פון 37 פיעכאטע-פולק אין קוטנע, וולאדיסלאוו קאזאל, און דער צווייטער — זיין ברודער יאן.

נעכטען איז וולאדיסלאוו קאזאל געשטאנען פארן מיליטערישען קרייז-געריכט.

צום פראצעס זענען ארויסגערופען געווארען 15 עדות און עקספערטען, און דאס געריכט האט דעם בעשולדיגטען פרייגעשפראכען, אנערקענענדיג, אז ער איז זיין טאט בעגאנגען אין אנ'אויפרעגונג, וואס שליסט אויס זיין אחריות, און אזא צושטאנד איז ביי איהם געשאפען געווארען צוליב דער אקטיווער בעליידיגונג מצד דעם אומגעקומענעם אשיעצקי.

ליקווידירט דעם פערשלעפטען שטרייק פון שניידער-ארבייטער

(א) נאך א 10-טאגיגען שטרייק איז נעכטען ענדגילטיג ליקווידירט געווארען דער שטרייק פון די שניידער-געזעלען, וואס ארבייטען פאר קאנפעקציא-נערען.

עס איז אונטערגעשריבען געווארען אנ'אפמאך מיט'ן שניידער - מייסטער פעראיין פון פעטריקא-ווער 20.

די ארבייטער, וואס האבען ביז איצט פערדינט 25 זל. א וואך, וועלען פערדינען מיט 20 פראצענט מעהר; די, וועלכע האבען פערדינט פון 26 ביז 40 זל. בעקומען א 15-פראצענטיגע הוספה און די, וואס פערדינען מעהר, ווי 40 זל. — 8 פראצענט.

ער האט זיך „געפאליעט" דער דאזיגער פאהל צו פרעמד געלד...

(א) דער 36-יעהריגער פייערלעשער פון שייב-לערס פייערלעשער - אפטיילונג, ריינהאלד פאהל, איז נעכטען דורכ'ן היגען קרייז-געריכט פערמשפט געווארען אויף א האלב יאהר טורמע מיט'ן פער-רעכענען דעם פרעקווענץ ארעסט און אפלעגען די שטראף אויף 2 יאהר.

דעם פסק דין האט ער בעקומען פאר'ן צוא-יי-גענען זיך 1.130 זל. געלד, וואס איז געזאמעלט גע-ווארען לטובת די פייערלעשער.

ער האט גע'טענה'ט, אז ער האט ערפונדען אנ'-אפאראט, וואס שיצט פילמען, און אזוי ווי עס האט איהם אויסגעפעהלט געלד ווייטער צו עקספערימענ-טירען, האט איהם דער געוו. קאמענדאנט גראהמאן דערלויבט די סומע אויסצובארגען פון די נדבה-געלדער. די עדות האבען אבער געזאגט, אז ס'איז א ליגען, און פאהל האט בעקומען דעם פסק.

צו דער אויפמערקזאמקייט פון די שפילער

עס ווערט בעקאנט געמאכט די שפילער פון די מלוכה-לאטעריע, אז די אמטליכע טאבעלע פון די געווינסען פון דער 4-טער קלאס, איז שוין אנגעקומען און מען קען זי אומזיסט אדורכקוקען אין דער גרעסטער קאלעקטור אין לאדז פון נ. יאטקא (פעטריקאווער 22, 66 און נאוואמיעסקא 1) כדי אויסצומיידען עווענטועלע פערזעהענס, ווערען די שפילער געבעטען, אז זיי זאלען פערזענליך קאנ-טראלירען זייערע נומערן אין דער אמטליכער טא-בעלע. דארט ווערען אויך באלד אויסגעצאהלט אלער-ליי געווינסען.

לאזען צו דער 1-טער קלאס פון דער 34 לא-טעריע שוין צו בעקומען. צוליב געוויסע ענדערונ-גען אין דעם שפיל-פלאן — פראספעקטען אומזיסט

אלגעמיינע פערזאמלונג פון לאדזער דאקטוירים

(א) אין שייכות מיט דער רעדוקציע פון די דאק-טוירים-ספעציאליסטען אין דער „אובעזפיעטשאלניע" האט דער לאדזער דאקטוירים-פערבאנד צונויפגע-רופען אויף מיטוואך, דעם 9. ד. ח. אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג פון זיינע מיטגלידער, וועלכע וועט בע-האנדלען דעם ענין-רעדוקציע און אננעהמען די ענטשפרעכענדע בעשלוסען.

ארעסטירט א געפעהרליכען אלפאנס

(א) נעכטען איז ארעסטירט געווארען א גע-וויסער סטעפאן וויענזשלאק, וועלכער האט געפיהרט א שאנד-הייזעל אין זיין וואוינונג אויף זגערזשער 30, און דערביי שרעקליך אויסגעניצט די פראסטי-טוטקעס און זיי מערדערליך געשלאגען.

פון דער ווילקער שוהל

אין דער ווילקער שוהל וועט אויך יום כיפור דאווענען דער בעליבטער חזן ר' לייב כאסקין, וועל-כער האט ביידע טעג ראש השנה מיט זיין מתיקות'-דיגען דאווענען און הארציגער נגינה, פערשאפט די מתפללים דעם אמתן עונג רוחני. ס'דארף אויך דערמאהנט ווערען לשבח דער דיריגענט סאקאלאוו-סקי מיט זיין גוט איינשטודירטען כאר.

Gabinet Kosmetyczny
I. NAMIOTOWEJ
Narutowicza 11
front I piętro
Masaż twarzy, trwałe przyciemnianie brwi i rzęs, maguillage.
Przyjmuje od 11–3 i 5–7

די עלעגאנטסטע מענער-
הוטן
צום הערבסט און ווינטער-סעזאן
Hückel Habig
B. Klajnbaum
31 Piotrkowska 31, tel. 262-18.
11 LISTOPADA 31.
מעסיגע פרייזען!
סאלידע באדינונג!

די עלעגאנטסטע
ספארט-היטלעך
שטעטס אויף לאגער.

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאל-ארצט פאר וועגערישע
הויט-קראנקהייטן און מענער-שוואכע
9 טראוגוטא 9
טעל. 262-98
נעמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אוונט.
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 בייטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן

ר. איזראעל — משומדים

סענסאצ. שפאנענדער ראמאן פון היינטיגען יודישען לעבען

132)

— איך בין פולשטענדיג בעוואוסטזיניג ביים אננעהמען מיין בעשלוס, האט מערי געזאגט צו איהר פאטער, איך האב בעשלאסען איינגאנצען זיך צו שטעלען אין דינסט פון אונזער פאלק. די לעצטע צייטען האב איך זיך אזוי פיל אנגעלייענט וועגען די אומגליקען וועלכע שיטען זיך כסדר אויף די ארימע פלייצעס פון קליינעם פאלק. נישט פאראן אזא אומגליק אויף דער וועלט וועלכעס זאל נישט זיין געווענדעט געגען אונזערע יודען און וועניג איז פאראן מענשען וועלכע ווידמען זיך דעם פאלק.

— דאס איז אמת, מיין טאכטער דאס פראָבלעם איז אנ'אונגעהויער שווערס און איך בין מסופק צי דיינע יונגע נישט ערפאהרענע כוחות וועלען מסוגל זיין צו נעהמען אויף זיך אזא לאסט...

— איך פיהל די גרויסע פעראנטוואָרטליכקייט איך ווייס וואס פארא שווערע משא דאס איז, אבער גלייכצייטיג פיהל איך אין זיך דעם אינערליכען כוח צו בעקעמפען אלע שוועריגקייטען און ארויס דער זיגער.

— וועסט זיך ערשט איבערצייגען, אז דער ענין איז נאך שווערער ווי דו אפילו שטעלסט זיך דאס פאר.

— פערפאלען, פאטער איך ערווארט נישט פון דער זייט קיין בעלוינונג פאר מיין ארבייט און נישט גיין לארבער קרענץ, איך ווייס אז מיטן מאמענט ווען איך וויל זיך ווידמען דעם נאציאנאלען קאמף פון יודישען פאלק, מוז איך זיך בעטראכטען פון פאראויס אלס קרבן, אבער איך נעהם דאס אויף זיך. מיט חשק און התמדה, מיט דער גאנצער אפ-פערוויליגקייט מיט דעם גאנצען ברען וועלכער טליעט אינערליך אין די מיטגלידער פון אונזער משפחה, איך וועל זיין די גליקליכסטע אויף דער וועלט, ווען איך וועל קענען מיט עפעס מיטוויר-קען אין דער נאציאנאלער אויפוואכונג בון די יודי-שע מאסען, איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש ווען איך וועל האבען די אנערקענונג פון טאקע אל די מאסען, דאס וועט זיין די פערגעלטונג פאר מיין ארבייט.

—פאטער. האט מערי ווייטער געזאגט, איך קען דיין איינשטעלונג אין דער דאזיגער פראגע, דו האסט דערגרייכט א ריזיגע קאריערע דו ביזט איי-נער פון די איינפלוסרייכסטע פערזענליכקייטען אין ענגלאנד, אבער ביי דיר וועהטאגט דאך אויך דאס הארץ פאר די ליידען און נויטען פון יודישען פאלק, פערשטעהט זיך אז דו קענסט זיך ביי דער איצטי-גער שטעלונג דיינער נישט אנגאזשירען אין דער ארבייט פאר דעם יודישען נאציאנאלען געדאנק, איך ווייס אז דו וואלסט דאס זיכער געטון אין אנ'אנדער פאל.

דער לארד האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף זיין טאכטערס קאפ און געזאגט:

— טו, ווי דו פערשטעהסט. זאל דיר גאט געבען הצלחה אין אלץ דעם וואס דו וועסט טון, איך פער שטעה דיך זעהר גוט און אמייסטען וואס עס פרעהט מיך אין דעם גאנצען ענין איז דאס, וואס דו האסט מיך פערשטאנען.

איצט איז שוין נישט געווען קיין שום שוועריג קייט דערין, אז די ליידי לענדסבורי זאל ארויספאה-רען קיין פוילען. דאס האט געזאלט זיין נאר א שטו דיום רייזע כדי זיך צו בעקענען מיט די קאמפאקטע יודישע מאסען און זייערע שטרעבונגען. מערי האט וועגען דעם געהאט נאר א נעבעלהאפטען בעגריף. זי האט די יודיש נאציאנאלע שטרעבונגען געקענט נאר פון די ביכער. וועלכע זי האט לעצטענס גע-לייענט איצט האט זי זיך געוואלט בעקענען מיט די יודישע מאסען פון דער נאהענט. זי האט געוואלט אריין אין זייער מיטען, זי האט געוואלט רעדען מיט זיי, זיך בעקענען מיט זייערע נויטען, מיט זייערע פערלאנגען, און פאדערונגען, ערשט דעמאלט וועט זי זיך קענען ווי געהעריג אריענטירען וועגען דעם ווי אזוי זי האט איינצושטעלען איהר ארבייט.

די ליידי מערי איז אוועקגעלאפען צו אידאן.

— אידא, מיר קענען שוין בעשטימען דעם טאג פון אונזער אפרייזע, איך האב שוין נישט קיין שום שוועריגקייטען מיין פאטער האט מיר שוין גע-געבען פרייע הענד נאך א זעהר ערנסטען געשפרעך וועלכען איך האב געהאט מיט איהם.

— דאס איז זעהר גוט, האט אידא געזאגט, ווייל איך וואלט שוין מעהר נישט געקאנט ווארטען, איך האב שוין געהאט בעשלאסען צו פאהרען אהן אייך, אויב איהר זאלט וועלען אפלייגען אייער רייזע.

— ניין, איך פאהר מיט אייך, ווען איהר זאלט אפילו בעשליסען היינט צו פאהרען.

מערי מיט אידאן האבען זיך אפגערעדט אויף צוזאמענגעם צו פאהרען, אידא איז געווען שטארק אומגעדולדיג. זי האט געהאט איבערצוקומען א זעהר שווערען ענין, און זי וואלט געוואלט אז דאס זאל וואס שנעלער פארקומען. זי האט זיך פארגעשטעלט די פיינליכע לאגע אין וועלכער זי וועט זיך געפינען ווען זי וועט קומען צו איהרע עלטערען, ביי דעם גאנג צען נאכטראכטען איז איהר איינגעפאלען סטעפאן.

— צי איז ער נאך דא אין לאנדאן? האט זי זיך געטראכט. וואס קומט מיט איהם פאר? צי איז שוין ווירקליך צווישען אונז אלץ אויס? ארער איז ער שוין געפאהרען קיין פוילען, פערגעסען וועגען איהר, אזוי ווי זי וואלט אינגאנצען נישט געלעבט אויף דער וועלט?

הגם זי האט זיך בעמיהט אז די אלע פראגען זא-לען זי מעהר נישט בעלאסטען אז זי זאל אינגאנצען פערגעסען וועגען דעם האבען זיך די פראגען אלץ מעהר געשטופט אויף איהרע געדאנקען און זי האט נישט געקענט פטור ווערען פון זיי. מערקווירדיג איז דאס געווען, אז זי איז איצט ווען זי האט גע מאכט די ענדגילטיגע שריט אינגאנצען איבערצורייסען מיט איהר פערגאנגענהייט האט זי זיך דער-מאהנט וועגען סטעפאנען זי האט פערטריבען פון זיך די אלע טרויעריגע געדאנקען, און געלעבט מיט דער האפענונג פון אויסשטרייכען אלץ וואס עס איז מיט איהר ביז איצט פארגעקומען און אנהויבען א ניי לעבען, דערהאלטען דאס גלייכגעוויכט און נישט איינגעהען מעהר אויף קיין שום זיג-זאגען.

צוזאמענגענם אינדערפריה איז אלץ געווען פער-טיג צום אפפאהרען. מערי מיט אידאן האבען זיך אפגעשמועסט צו טרעפען אויפן באהן-הויף, כדי צוזאמען אפצופאהרען. צו דער בעשטימטער צייט האבען זיי זיך טאקע דארט געטראפען, דער לארד אליין איז געקומען בעגלייטען זיין טאכטער, ער האט אבער נישט געווארט ביז דער צוג וועט א-וועקגעהן נאר ער האט זיך געזעגנט מיט איהר און איז אוועק. דעמאלט זענען אידא מיט דער ליידי מערי לענדסבורי אריין אין וואגאן-אפ-טיילונג און געווארט אויפן אפגאנג פון צוג.

די ליידי האט געהאט רייזע פיבער. זי איז גע ווען פרעהליך, אדער אפשר איז דאס געווען א גע-מאכטע פרעהליכקייט אינערליך האט זי זיך אבי-סעל געשראקען פאר דער רייזע און פאר דעם אלעם וואס ערווארט זי אין פוילען. דאגעגען אידא איז גע-ווען טרויעריג, זי האט נישט געוואוסט ווי אזוי מען וועט זי אויפנעהמען אינדערהיים, און ווי אזוי עס וועט זיך געשטאלטען איהר ווייטערדיג לעבען. די ליידי האט געפרובט מיט אלע מיטלען צו פעריאגען די זארגען פון אידאן. אבער דאס האט געהאט א קנאפע פעולה.

— איך וועל ווערען פרעהליכער דאן האט אידא געזאגט, ווען איך וועל שוין האבען איבערגעקו-מען אלץ, וואס עס שטעהט מיר פאר. דעמאלט וועל איך ערשט קענען טראכטען וועגען אנ'אייגען לעבען און דעמאלט וועט זיך אפשר קענען בעווייזען א שמייכעל אויף מיין פנים.

— זייט נישט קיין נאר, אידא, אלץ וועט א-דורך. די צייט היילט אלע וואונדען. און וועט אויך די דאזיגע וואונד אויסהיילען. איהר געהט דאך טון א וואונדערבארע עהרליכע זאך, פון אייך וואל-טען זיך דאס נעדארפט אראפנעהמען א ביישפיל הונדערטער אנדערע מענשען, דארפט איהר ווירקליך נישט זיין אזוי פערדאגהט און פערצווייפעלט, נאר א קורצע צייט טוילט אייך אפ דערפון, אז איהר זאלט זיין א גליקליכער מענש.

(פארטזעצונג קומט).

כשר Ceres

עכט אין אריגינעלער פאקונג צו ½, ¼, ⅛ קגר. ווי אויף דער צייכנונג. אן פאקונג — נישט עכט.

איז א גוטער אידישער קיך בענוצט מען צו אלע מאכלים — סיי פליישיגע און מילכיגע —

כשר'ען צערעס דעם שפייז-פעטס, וועלכער איז לייכט צום פערדייען

Ceres Schicht S

שטורמישער אינצידענט אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג

פרעזעס מינצבערג זיך אפגעזאגט אלס פארזיצער פון דער סאציאלער הילף-קאמיסיע

אונטערן פארזיץ פון פרעזעס מינצבערג איז נעכטען פארגעקומען א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג.

אין אנהויב איז בעעהרט געווארען דורך אויפשטעהען פון די ערטער דער אנדענק פון דעם פערשטארבענעם געוו. וויצע-פארזיצער פון דער קהלה-פערוואלטונג אשר מענדעלסאן, דער פרעזעס האט דערביי מיטגעטיילט, אז ער האט פערטרעטען די לאדזער קהלה-פערוואלטונג אויף דער לויה.

דאזאר רומקאווסקי שטעלט דאן פאלגענדע אנפראגען:

1) צי האט דער ניי-אנגאזשירטער מורה-הוראה אלטער שוין בעקומען פענסיע פון דער קהלה?

2) צי איז דעם קהלה-פרעזידיום בעקאנט דער ענין פון דער מקוה אויף זשעראמסקיעגא 53

3) ווער פיהרט איצט אן מיט די אפטיילונגען פאר סאציאלער הילף און מיט דער בית-החיים-אפטיילונג

4) צי איז אמת, אז ר' שמחה אויצערבוים ווערט מורה-הוראה אין לאדז

פרעזעס מינצבערג ענטפערט

אויף די געשטעלטע פראגען, אז דער הוראה אלטער האט נאך נישט בעקומען קיין שכירות אין דער קהלה.

דער ענין מקוה געהער נישט צו דער קהלה און איז א פראגע פאר'ן ראבינאט.

מיט דער אפטיילונג פאר סאציאלע" [illegible] פיהרט אן דער פרעזעס אליין און מיט דער בית-החיים-אפטיילונג דאזאר רוס צוזאמען מיט 2 פערוואלטונגס-מיטגלידער.

וואס שייך דעם ענין מיט ר' שמחה אויצערבוים, האט דער פרעזעס דערפון קיין שום ידיעה נישט.

דאזאר רומקאוויסקי פרעגט דאן פארוואס ס'איז נישט פארגעקומען קיין זיצונג פון דער קאמיסיע, וועלכע דארף זיך פערנעהמען מיט'ן רעאליזירען דעם בעשלוס וועגען א יתומים-הויז פאר דער קהלה.

פרעזעס מינצבערג ענטפערט, אז צוליב יום-טוב איז נישט פארגעקומען קיין זיצונג, דער לאקאל פאר'ן יתומים-הויז איז שוין פריי, דער ארכיטעקט גוטמאן האט שוין אויסגעארבייט דעם פלאן פון רעמאנט, וועלכער וועט באלד אדורכגעפיהרט ווערען און דאס יתומים-הויז וועט געעפענט ווערען.

דאן איז גענומען געווארען צו קענטניש די בעשטעטיגונג פון דער

פעלקער - ליגע

אויף דער דערהאלטענער פראטעסט-דעפעשע געגען די נירענבערגער געזעצען.

אויף דער איינלאדונג פון מאגיסטראט איז אין דער סאציאלער-הילף-אפטיילונג ביי דער שטאט-פערוואלטונג דעלעגירט געווארען דאזאר רוס.

דער ראבינאט האט זיך געווענדעט צו דער קהלה-פערוואלטונג, זי זאל זיך ווענדען צו דער מאכט, אז מען זאל

צווינגען די רעסטאראטארען

וועלכע האבען אפען שבת און קאכען אום שבת אראפצונעהמען דאס שילדעל „כשר" פון זייערע רעסטאראציעס.

ס'איז בעשלאסען געווארען צו ווארענען די דאזיגע רעסטאראנען, אז זיי זאלען אראפנעהמען די שילדען „כשר", ווען נישט ווען די קהלה-פערוואלטונג זיך מוזען ווענדען צו דער מאכט.

ביי דעם בעריכט פון דער סאציאלער הילפס-קאמיסיע איז געקומען צו

א זעהר שטורמישען אינצידענט

ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די דאזארעס גיבען אליין צעטלעך צו דער קאסע וועגען ארויסגעבען אונטערשטיצונגען.

פרעזעס מינצבערג איז ארויסגעטרעטען שארף געגען דעם און האט אנגעוויזען, אז ס'זענען נאך נישט אויסגעצאהלט געווארען אונטערשטיצונגען, וועלכע זענען בעשטעטיגט געווארען מיט חדשים צוריק, בכלל ברענגט דאס שיקען צעטלען פון די דאזארעס אריין א כאאס אין ביודזשעט.

דאזאר פליוואצקי האט אריינגעטראגען א פארשלאג, אז צוויי דאזארעס זאלען האבען דאס רעכט אליין צו דעצידירען וועגען אונטערשטיצונגען.

דער פארשלאג ווערט געשטעלט צו אפשטימונג, פאר דעם פארשלאג שטימען, די דאזארעס פליוואצקי, וואידיסלאווסקי און שטאהל, געגען פרעזעס מינצבערג און רומקאווסקי, דאזאר רוס און הרב דאמב האבען זיך אפגעהאלטען פון שטימען.

צוליב דעם אויסגאנג פון דער אפשטימונג איז ענטשטאנען א שטורמישער אינצידענט און אלס רעזולטאט האט פרעזעס מינצבערג ערקלעהרט, אז ער זאגט זיך אפ אלס פארזיצער פון דער סאציאלער הילפס-קאמיסיע.

עלעגאנטע הערען-Hückel-Habig-פערקויפען די פלאנאנטע פון

הוטען

נעקויפט אין דעם נייעם פרעכטיגען אייננעארדנעטען

הוט-געשעפט

Hückel (wł. B. K.)

Łódź, Piotrkowska 88.

דער ווינער „הכח" אין לאדז

שפילט מיט „ל.ק.ס." שבת נאכמיטאג

מארגען נאכמיטאג קומט פאר אויף ל.ק.ס.-פלאץ דער מעטש צווישען ווינער „הכח" און „ל. ק. ס.".

די געסט קומען נאך לאדז אין זייער בעסטען צוזאמענשטעל, איינציגווייז קומען זיי צוריק צו זייער אמאליגע" קלאס. שוין היינט זענען פערהאן אין דער „הכח"-מאנשאפט פולווערטיגע שפילער. וועלכע שפילען א גרויסער ראל אין עסטרייכישען פוסבאל. די ערשטע ראל שפילט זאנענפעלד א שפילער אויף אלע פאזיציעס, פערנעהמט היינט א אנגעזעהען ארט אין דער עסטרייכישער רעפרעזענטאנץ און איז ארויסגעשטעלט דעם קומענדען זונטאג געגען פוילען, שטרויס, מאלזנער און אנדערע, ווערען פערעכענט צו די פעהיגסטע פוסבאליסטען אין ווין.

דער לעצטער נצחון איבער „פ.א.ק." אין דער הויך פון 1:5, האט בעוויזען, אז דער פארם פון דער יודישער מאנשאפט איז א הויכער. איבריגענס איז נאך פריש אין זכרון דער לעצטער טורניר פון ווינער „הכח" איבער פוילען, וואו דער „הכח" האט נישט פערשפילט קיין איין מעטש, שפילענדיג אין די גרעסטע צענטרען פון לאנד. א דאנק דעם טריאומף אין פוילען טאקע, איז „הכח" איצט איינגעלאדענט געווארען נאך לאדז און שפילט מארגען מיט „ל. ק. ס." אין שייכות מיט'ן יובל פון „ל.ק.ס."-טרענירער ה' ל. צייסלער, וואס מ'קאן בעטראכטען אלס אנערקענונג פאר'ן ווינער „הכח".

„ל.ק.ס." וויל אויפ'ן דאזיגען מעטש בעווייזען, אז אין ערשטראנגיגע צוזאמענטרעפען, קאן ער דער גרייכען שעהנע רעזולטאטען און וויל זיך רעהאביליטירען פאר דער לעצטע מפלה צו „הכח". דערביי קלערט „ל.ק.ס." זיך עפעס אויסצולערנען נעבען דער יודישער מאנשאפט, וואס וואס וואלט איהם געבראכט גרויס נוצען אין זיינע לעצטע „ליגע"-קאמפען.

מיט איין ווארט, דער מארגענדיגער מעטש איז א שטיקעל סענסאציע אין דער היגער ספארט-וועלט און ער ווערט ערווארט מיט א גרויסען אינטערעס.

די מאנשאפט בעשטעהט פון פאלגענדע שפילער, לעווי שטרויס, ברייטפעלד, פלאטשערן, שינדלער, ערליך 1, צוויבעל, מויזנער, דאנענפעלד און רייך.

אייער באגאזש ווערט אפגענומען פון דערהיים און צוגעשטעלט קיין ארץ-ישראל

דורך PRZEDBORSKI, KOLNER i S-ka, Łódź, Sienkiewicza 6

ביליג און שנעל. קלינגט טעל. נומערן 129-25 און 247-75

דערעפענונג פון לאקאל

פון דער פוילישער אלגעמיינער פארמאצעווטישער געזעלשאפט

מארגען, שבת וועלען די לאדזער אפטייקערס פייערען דאס חנוכת הבית פון זייער אייגענעם לאקאל אויף פיעטרקאווער 120, 2-טער שטאק, פראנט. די פייערליכקייט וועט פארקומען 6 א זייגער אין אוונט.

האדעל ראבינאוויטש דארף זיך מעלדען!

האדעל ראבינאוויטש (דער מיידעל נאמען) דארף זיך אין איהר אייגענעם אינטערעס ווענדען אין רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" פון 12 ביז 1 מיטאג, ס'איז פערהאן פאר איהר א בריף.

פון לאדזער הילף-קאמיטעט אין ניו-יארק

דער לאדזער הילף-קאמיטעט אין ניו-יארק בעט אונז מודיע צו זיין אלע לאדזער יודישע אינסטיטוציעס, וועלכע פערנעמען זיך מיט קאנסטרוקטיווע הילף-ארבייט, אז זיי זאלען צושיקען רעגולער שריפטליך זייערע טעטיגקייטס-בעריכטען צום דערמאנטען קאמיטעט, לויט פאלגענדען אדרעס:

United Relief Committee For Lodz
1123 Broadway New Jork
America

אויסבעסערונג

אינ'ם בעריכט וואס מיר האבען געבראכט אין אונזער נעכטיגען נומער וועגען דער פייערונג פון „החלוץ בעל-מלאכה" איז אריינגעפאלען א פערדריסליכער טעות.

עס דארף זיין: דער אוונט ווערט געעפענט דורכ'ן פרעזעס פון „חלוץ בעל מלאכה" ה' משה קארא.

על פי טעות איז נעכטען אויף דעם ארט אריין אנ'אונבעקאנטער נאמען — גאלדא.

ה' מ. קארא האט אויך געשלאסען די פייערונג מיט א שעהנע רעדע.

דער סטריקאווער רבי ימים-טובים אין סטריקאוו

לויט ווי עס ווערט מיטגעטיילט וועט דער סטריקאווער רבי שליט"א פון לאדז זיין יו"ט סוכות אין סטריקאוו.

פארבערייו און אפרעטור „סופער פיניש"

די טעג ווערט געלאזט אין בעטריב אין קאנסטאנטין הינטער לאדז א פארבעריי און אפרעטור, איינגעארדענט לויט די נייעסטע פארערונגען פון דער טעכניק. די פאר-לייטונג ליגט אין די הענט פון דעם בעקאנטען פאכמאן ה' עמנואל שטיינמאן, וועלכער איז זעהר פאפולער אין די ברייטע קרייזען פון דער היגער אינדוסטריע.

היינט קומט פאר דער פאעזיע-אוונט פון דער דיכטערין רייזעל זשיכלינסקא

אין זש.ט.כ. (וואולטשאנסקא 35)

היינט 9 אוונט וועט פארקומען אין זאל פון „זשעטעקא" (וואולטשאנסקא 35), דער גרויסער פאעזיע-אוונט פון דער יונגער און בעקאנטער דיכטערין רייזעל זשיכלינסקא. איהרע לידער האבען אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט ארויסגערופען גרויס אויפמערקזאמקייט.

דער אוונט האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין די ברייטע קרייזען פון דער יודישער ליטעראַרישער יוגענד.

די דיכטערין רייזעל זשיכלינסקא וועט אויך לייענען איהרע נאך נישט גדרוקטע שאפונגען.

אינם אוונט נעמען אויך אנטייל משה בראדערזאן און ישראל ראבאן.

Casino

אנהייב 4, 6, 8 און 10 אוונער
שבת און זונטאג 12 בייטאג

לעצטע 2 טעג!
דאס גאנצע לאדז מוז זעהען
Franciszka
GAAL
אין
„קליין מאמעלע"

אלע פלעצער אויף אלע סעאנסען
109 זל.

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16

אנהויב 4 א זייגער נאכמ.
היינט פרעמיערע!
Ryszard
TAUBER
אין פילם א. נ.
„ליבעס-טרוימען"
ענגלישע פראדוקציע
לידלעך אין דער דייטשער שפראך.
אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 פריה.

פערגעסענע גארבען

(ענדע פון דער 9-ער זייט)

גענומען און אנגעשעפט שפיגל וואסער אין קרוג, און בײַ דער שמירה פון א גאנצענער וועלט געגנ־מען דעם וועג אהיים...

— ב. —

ס'ארא אויגען! און דאס מענשעלע אין די שווארץ אפלען וואסערע וואונדער עס פארעוועט פון איהם! אז עס צולאזט זיך אויף אלע פארעס ווי א שטורעם לויפט פון ערגעץ אן פלוצלונג אויפן ים, שיסט ער בליקען ווי קוילען, אזש פיש אין וואסער צופאהרען זיך פון שרעק. אינמיטען טוט עס א ציה ארײַן אין זיך ווי א טשערפאכע, אונטער די שיפען —

און א מילדע רוהיגקייט צולאזט זיך, כאטש נעהם און שאר ארײַן פולע הויפענס. שטיל בוואליעט בלויע לופט אויף דעם שיפוע פון די ברעמען, אזש די ברעגען הויבען זיך אן צו הוטען א שטייג ארויף און א לאז ארונטער, ווידער ארויף און נאכאמאל ארונטער... פונוואנען האט זיך גענומען א לוסטיג פויגעלע און געלאזט זיך היפערען אויף די שפיץ הערע־לעך, ווי א שוועבענדיג פלעמעל, צווישטשערענדיג זיך אין העלזעלע ארײַן:

„עס טראגט מיך דער רוח,
„צו זינגען אהן ענד,
„וואו וועלטען זיך האלזען,
„קיין קנאה, קיין ווענדי',

— ג. —

זאלען די הארען פון שארפע ציין און געפארבטע נעגעל. זאלען זיי הארמידערען, קרעהען ווי די הענער סיווי וואיען זיי ווי זאוויערוכעס פון די פערסאזישע וועטע קוימענס ארויס. צו זיי דער גלוסט רייסען בוי־מער פון ווארצעל, אבער אלץ מעהר פוילען בײַ זיי די ווארצלען.

ליבער יתום! שפיל זיי אפ א שפאט ליד אין טי־פען בוזעם ארײַן, פאר די אויפגעריסענע פיסקען איז דער פולער כוס פון שאנד.

ס'איז זיי נישט געפוילען, וואס דיין הויקער בוי־ערט דורך ששת ימי בראשית'דיגע פעלזען פון כמה יאהרען שוין, און א סך טיפער איידער זייערע צום הימעל פעררייסענע קראצעדיגע הערנער.

פארנאכט נאך דער ארבייט אין פעלד, אז די טויערען פון הימעל הויבען אן זיך צושליסען, צע־עפען ס'הארץ און זויג אין אלע דופק'לעך ארײַן די ווייטע ווייטע עבאס פון א שפע חלומות, וואס זענען יונגערהייט אוועק אין די טיפקייטען פון פערגעסענ־קייט.

וואס שטעהט דארט עפעס א בעזים בײַ דיר צו־קאפענס פון דיין בעטעל דעם געפלאכטענעם פון גרי־נינקע בלעטעלעך?

— ד. —

ס'שרייען די דעמאנען ארײַן אין די אויערען פון דער צופאהרענער פינסטערניש:

„טויך ארויס שוועסטער לילית,
„צו דיר דער רוח פון פלאס און רויך,
„העלף אונז שוועסטער, רייסען בוימער פון ווארצל
„כראקען חיט גיפט אט אהין אין דער הויך...“

יתום! שטעל זיך אויף! מיט דער רעכטער האנד שפאר אן אין געשלאסענעם הימעל, און די קלוגע פינ־גער פון דער לינקער האנד לאז זיי איינפלעכטען אין די ציצית פון דיין גרין גרינעם גארטעל...

א וועלט שארט זיך פון דיר אוועק ווי פון א זלי־דנער פליג. אבער פון דיין זשומען וועט זיך אויס־שיילען א פריש נגון צו מזרח זייט.

— ה. —

אין מיין חדרל מיט פענסטער אין אלע פיר ווענ־טעלעך צו פעלד און וואלד, צו פערדרעהטע וועגען און פערזשמורעטע הקדשים, האט זיך ארײַנגעגנבעט דיין היילינ געשטאלט, האב איך דערהערט א שארך פון א שטים:

„אויפן צואקערטען קארק פון יתום
„בליהט שטיל די בלום פון גאולהיי.

זאג זשע מיר, מיין שפילעוודיגער יתום: וואו איז דיין נעביין? אין גרינעם וואלד, צי אין א קאלטען הקדש?

— ו. —

נאך האבען די יונגע גרעזעלעך ארויסגעשטעקט די שפיץ קעפעלעך פון דער מאמעס שויס, ס'האט זיי נאך נישט בעריהרט קיין רעכטער קוש פון די זונ־לוסטיגקייטען —

און שוין שעפטשען זיי צווישען זיך פערכמורעט, ווי זקנים אין הקדש, פאר דעם מידען פייערל פון א חלבנעם ליכטעל, פון די קורץ צייטיגע דגע'ס, וואס זענען פערפלויגען ווייט ווייט...

נאך וואס האסטו צולאזט דיין שופר אין די פוס־טע גאסען, אז הערצער זענען אנגעשטאפט מיט שטום פיגען שטויב?

זענען די פענסטער שוין געעפענט, אדער שטעהט עמיצער בײַ דיין רעכטער האנד?

— ז. —

אויג פון גאר די אייביגקייטען! שענק מיר קראפט אין שפאן פון גאנצקייט!

אמאל בין איך אין שפאן מיט שטאל, צומאל פער־ליבט אין דעם מילך וועג פון די שטערען.

לאמיך טרינקען פון ביידע גילדענע גיסערלעך, מיטן אקעראייזען אין פעלד און מיט דעם זיסען טרויער פון א פויגעלע אין א ווינקעל.

כ'ווייס נישט, ווער פון די ביידע גיסערלעך איז מיין טאטע־מאמע: צי דער דארשט פון א מדבר אין א זונען־טאג. צי דער טרונק פון א נזיר אין א בשורה'דיגער נאכט אונטער דעם חסד פון א שמייכעל'די־גען הימעל.

אבער איכ'ל דאס נישט פרעגען, פארקען זיך אוודאי נישט.

— ח. —

אבער זאל מיין האנד האבען גענוג גבורה מיטן בעזעם פון גרינע ריטער צו רייניגען די לופט פון סם־המותדיגע ווערים, די טייכען — פון בלאטע און הערצער — פון נקמה געשווירען.

זאלען מיינע ארעמע פליגלען נאכשלעפען די פיס צו דער אייביג יונגער חכמה.

איך קוק ארויף אין דער הויך ווייל איך וויל זיין א טריי קינד דער מאמע ערד אונטען —

איהרע רווישיגע וואסערען, איהר שפילעוודיגען געמיט, וואס שלאגט פון די פערטרוימטע בערג מיט זייער רייסען זיך צו דערהויבונג; איהרע שלאנק־לוסטיגע בוימער, וואס זייער ווארצלען נישטערען דעם תהום, און די שפיצען שפארען אן אין דער ריי־נער לופט.

— ט. —

וואויל איז דעם ווינד, א פריי פויגעלע,
נישט וואס מיר בלייענע קלעצער.
וואו זיין גלוסט איז, דארט איז ער שוין,
מיט צארן און פויסט שניידט ער די לופט,
אבער גאוניש, פרעגט נישט קיין עצה.
א כאפ א זשמוט קעפ פאר די קודלעס,
א שליידער אין א העק, אין זומפען אהן א ברעג.
אזוי מאכט די הארפע פון דעם פערהלשטען זינ־גער.

זיי זשע וויסען, פריינד וואו דו ביזט: פאר זיין גאונות, פאר זיין פרייען צארן, בעצאהלט ער מיט קאלטען שוויים — אויף פוסטע וועלדער און געלע זומפען.

— י. —

כ'ווייס נישט די חכמה ווי אנצוקלאפן צו דיר אין די טויערן.

אהן דיר בין איך פערגעסען פון זיך אליין. כ'־פלוידער אהן א חשבון, מיין טראכטען איז פערקרי־פעלט ווען דיין פינגער בעריהרט מיך נישט.

רעגעלט מיין נשמה דורך א ווילדער בענעהר:
זאל דיין חסד שטעהן נאהענט צו מיין שטומען רצון!

איין שטויב פונק פון דיין בעהאלטענעם ליכט! כ'וועל איהם האלטען איינגעהילט אין פורפור פון צארטע בלומען, יום טובדיג און היילינ ווי די טרעהר פון מיין מאמען אין די עלענדסטע מינוטע.

— י"א. —

לאמיך צו דיר זינגען מיט דעם גענזונטען אטעם פון פלייש און בלוט, איך זאל זעצען לופט אין אלע זיך שטיקענדיגע בעהויכען די געמיטער פון דער חברה, וואס די זון איז פאר זיי פינסטער און די ערד טויט —

ציהען דעם מילך וועג פון די שטערען צו דער שווארצע ערד — ביז ס'וועט זיך דער פארהאנג א־ראפלאזען אויף מיינע אויגען..

— י"ב. —

עס אהרט איהר קנאפ דער צעיכמעטער וועלט, וואס אויף אלע דיינע שמחות האקט דיר אין קאפ איהר פיין.

וואויל צו דיר, יתום פון יהודה!

און פון פארצייטען נאך ביסטו אומעטום א אום געדרופענעם גאסט ווי אויף א חתונה אזוי אויף א לויה. די ברייט און די לענג פון נאטס פעשאף האבען די וועלט קוימענס פערצוימט דיר מיט פאלשע לוחות שטויביגע חכמות,

די טיף פון דער וועלט איז צו דיר אייביג! טא ציה ארויס דעם ענגבער פון בוזעם און בויער, אויף דיין שטייגער, דעם באדען אונטער זיך, און צו גליי־כער צייט נעהם און טו דאס איינענע איבערן קאפ זאלסט נישט וויסען פון קיין פחד, לעבער הימלען אין די ווייט בעהאלטענע ליכטיגקייט —

אך! אז דער צושפילטער פאנטאן מיט לעבעדיג קייט פון אונטען און א מבול ליכטיגקייט פון אויבען וועלען זיך האלזען און קושען — דא שיינט אויס די נעבענקטע גאולה!

ס'וועט קומען א טאג וועט אויסשיינען א נייע זון פון דיין מזרח, פון דיין שיסעל וועט זיי אלעמען אין מויל ארײַנרינען.

— י"ג. —

וועמענס קאפ איז דאס די זארג צי דיין יתומ'־קייט איז א מתנה פון הימעל צי א קללה פון שטן?

מיך יאגט נישט איהר חכמה — מיך כישופט איהר מלכותדיג הענגען דיר איבערן קאפ. איהרע שא־טענדיגע לאקאנעס, סודותפול ווי גאטס געפאטען, פקוח'דיג ווי קטורת פון פרישע בלומען אין א טוי־מארגען.

ווי א מנודה'דיג שטערען זוכט היילינ א שטעג אין דעם רוים פון אין סוף, ווארום זיכער איז ער אין זיך אליין.

— י"ד. —

כ'ווייס: דער וואויל פון הײַנט איז צום קלאנג פון טייפעל ווייזט זיך אמאל דאס פריהמאר־גען פויגעל — פונוואנען נעחמט זיך פלוצלונג א ברודיגע שמאטע און פערלייגט איהם דאס מויל... אזוי פאסמאקעווען די טעלער לעקערס. דאס מאל פער־קרימט, די שטים געשוואלען, אבער ווי נאך ברא־קעט עס מיט פאראזיטען פון ליבשאפט און פרידען.

דאס זענען די צייכענס פון דארן שטאק, וואס דער טייפעל האט אויסגעקריצט אויף די לוחות פון הײַנט.

מיינסטו שוין קאפוט, וואליאי אין טרויער?

פון בלוט און שטורעם, פלויקייט און בלומען, וואס בײַ דיר אין קלומעק שמידסטו פיילען אייף דיין קאוואדלע, פונם ערשטען זונען בלאז ביזן שלי־סען די טויערן.

לאנגיעהריגער גערי'כטס-פראקטיקאנט
אין ארץ-ישראל,
גוט בעקאנט מיט פאלעסטינער
געריכטס-וועזען, נעהמט אן
פראטעסטירטע וועקסלען
צום איינקאסירען
פון בעל-חובות אין פאלעסטינע.
Oferty sub „Palestyna“ do biura ogł. S. FUCHSA, Piotrkowska 50.

מעלדונגען

לערנט א פאך!

אין די פראפעסיאנעלע לערן-ווארשטאטען פון דער געזעלשאפט „ארט“ קאן מען זיך פערשרייבען אויף פאלגענדע פאכען:

1. מעכאנישע רונדטריקאטאזש - ארבייט, 2. מעכא־נישע רונד-זאקען ארבייט, 3. מעכאנישע הילפס־ארבייט פון דער ווירקער-בראנזשע: שפולען, קעטלען; 4. סווי־טער-שטריקערייז; 5. אויסארבייטונג פון הענדשקעס; 6. מעכאנישע וועבערייז; 7. פרויען-שניידערייז, מיט צו־שניידען; 8. וועשניוערייז מיט צושניידען; 9. גארסעטען ארבייט, מיט צושניידען; 10. אנדולאציע און האר-פאר־בען; 11. מאניקור; 12. הוט-פוצעריי; 13. האנד-שטו־קעריי און מאשין-האפט.

אכטונג ברית - החיל!

די מפקדה פון ברית החיל אין לאדז מעלדעט, אז פרייטאג, דעם 4-טען אקטאבער 1935 אין 8.30 אווענד קומט פאר אן אלגעמיינע פערזאמלונג אין אייגענעם לאקאל טראגוטע 5. אלע מיטגלידער מוזען זיין אנווע־זענד. די מפקדה פון ברית-החיל אין לאדז

זש. ט. ק. (וואולטשאנסקא 35, טעל. 121.53)
א 2-טאגיגער אויספלוג נאך וולאצלאוועק, טשע־כאטשינעק און טורן

שבת און זונטאג ד. 12. און 13 ה. ח. קומט פאר א 2-טאגיגער אויספלוג נאך וולאצלאוועק, טשעכאטשי־נעק און טורן. איינשרייבונגען ביז'ן 10 ה. ח. איינ־שליסליך. אפצאהל פאר מיטגלידער 17.50, פאר געסט— 20.50 (נעמט ארום רייזע-הוצאות, בעזונבונגען, מיטא־גען און נאכט-לעגער). שבת ד. 12 ה. ח. קומט פאר אנ־אויספלוג אין שטאטישען אנשטאלט פאר מאראליש פער־נאכלעסיגטע קינדער. איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט

א ר. זשיכלינסקא - אוועגד אין זש. ט. ק.

פרייטאג ד. 4 אקטאבער ה. י. פונקט 9 א זייגער אוועגד קומט פאר אין לאקאל פון דער געזעלשאפט א פאזיע און רעציטאציע-אוועגד פון דער יונגער און טא־לענטירטער דיכטערין ר. זשיכלינסקא. עס נעמען אנ־טייל דער בעקאנטער דיכטער משה בראדערזאהן און בע־גאבטער ראמאניסט ישראל ראבאן. דער אוועגד זאגט צו הן צוליב דער פערזאן פון דער דיכטערין, הן צוליב די איבריגע אנטיילנעהמער, צו זיין אינטערעסאנט. איינ־גאנג פאר מיטגלידער און געסט.

א בעריכט-אוועגד פון „ייוואי“ - צוזאמענפאהר אין זש. ט. ק.

פרייטאג ד. 11 אקטאבער ה. י. פונקט 9 א זייגער אוועגד וועט פארקומען אין זש'. ט. ק.-לאקאל א בעריכט אוועגד פון אלוועלטליכען ייווא-צוזאמענפאהר. מיט רעדעס זועלען ארויסטרעטען די ה'ה ד"ר פרידמאן, מ. פעדער, ש. ראזענמאן און א דעלעגאציע פון דער לאדזער אפטיילונג פריינד פון „ייווא“ איינגאנג פריי.

דער סעקרעטאריאט פון דער געזעלשאפט נעמט אן (טעגליך פון 10—2 און 6—10 אוועגד) איינשרייבונ־גען אויף 1) פאלגענדיגע שפראך-קורסען: יודיש, שפראך און ליטעראטור, העברעאיש, ענגליש, פראנצויזיש און עספעראנטא, 2) גימנאסטישע קורסען פאר דאמען און גיט ארויס הנחה־בילעטען אין לאדזער שטאטישען טעאטער און אין די קינאס.

איגוד ציונים מדנתיים (יודענשטאטס־פארטיי)
בלודו פילסודסקי 57

פרייטאג, דעם 4 אקטאבער פינקטליך 8.30 אוועגד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א קאלעקטיווער רע־פעראט וועגען פאליטישע אקטואליען. מיט דער בעטיי־ליגונג פון די חברים שעפסקי, קארא, הערשקאוויטש. איינגאנג פריי.

M. FISZLEWICZ פון
דער לאנגיעהריגער
קירזשנער-אטעליר
פיהרט אויס אלערליי פעלץ-בעשטעלונגען און רעפאראטורען לויט די נייעסטע מאדעלען. פינקטליכע און רעעלע אויספיהרונג. קאנקורענץ-פרייזען.
פיעטריקאווער 20, טעלעפאן — 221-39

מעטאל-בעטען
מאטראצען אלע ארט
קינדער-וועגעלער
אין א רייכען אויסוואהל
וויזשימאטשסעס, אייז-קאסטענס, פעדער־בעטען פאטענט „Perfekt“ א. ד. גל. קויפט מען
אמביליגסטען אין דער עלטסטער
און רעעלסטער פירמע
J. B. WOŁKOWYSKI
עקזיסטירט פון יאהר 1896
פאבריקס-לאגער:
לאדז, נארוטאוויטשא 11
טעל. 137-70
געדענקט דעם אדרעס!
ספעצ. רעפעראטור-ווערקשטעל און לאקירער

Warszawskie
TOWARZYSTWO POŻYCZKOWE na ZASTAW RUCHOMOŚCI
Spółka Akcyjna. Oddział w Łodzi
(LOMBARD)
zawiadamia, że w dniu 23 października 1935 roku i dni następnych od godziny 10-ej rano odbywać się będzie LICYTACJA w sali przy ul. Zachodniej 31 w Łodzi, zastawów, nieprolongowanych we właściwym terminie. Numery zastawów, podlegających licytacji, ogłoszone będą w „Kurjerze Łódzkim“ w dniu 13 października 1935 roku w numerze 281 i wywieszone w biurze.
Zastawy niesprzedane na licytacji w pierwszym terminie, sprzedawane będą w drugim terminie, począwszy od dnia 25 października 1935 roku.
Procenty należy wpłacać przed dniem 13 października 1935 r., gdyż po tym terminie zastawcy poniosą koszty: probierni państwowej za cechowanie prób i ogłoszeń.

Wykończalnia i Farbiarnia
p. firmą
„SUPER-FINISH“
Właściciele: E. Steinman i Efrat
KONSTANTYNÓW
Plac Wolności 25, tel. 212-78
שוין טעטיג

שטארן גארדינען און קאפעס
(פון פילעי, שירלקאווע און גריפעלער)
אויך מאיערנע שאטעס צו טעסיגע פרייזען עמפפעהלט
Pracownia ręcznych robót
M. GOLDBART
Piotrkowska 62, tel. 135-35
רעכטע אפ. 1 אמנג. 1 שט. הויט—דעטייל

בענקלעך און פאטעלען
(געבויגענע ווינער)
צו פאבריקס-פרייזען עמפפעהלט
Wytwórnia Mebli Giętych
„HERKULES“ Cegielniana 16
w podwórzu.

שייטלען
טום פאריזער שריג...
צו בעקומען בײַ...
קערש...
סקווערנאווא...

אנאנס...
— אין —
פאלקסבלא...
האבנגרויס ערפא...

וויכטיג נייעס
פאר לאנג-געקליידעטע בעפעלקערונג!
איהר דארפט שוין נישט טראגען קיין טאנדייט-מלבושים דען איך דער בעוואוסטער געשעפטס-אנפיהרער פון דער בעוואוסטער פירמע ח. מענדראווסקי האב צוליב זיין אפרייזע נאך ארץ-ישראל ערעפענט א געשעפט פון
יודישע לאנגע מלבושים
מיט גוטע בעשטעלטע ארבייט און גאראנטירטע צופרי־דענהייט אויך פאר נישט טייערע פרייזען ווי טאנדייטער איך בעזיץ שטענדיג אויף לאגער אלערליי יודישע מלבושים אויך גאנצע אויסשטייערס פאר חתנים. — אויף סערלאנג ווערט אויסגעפערטיגט אין פערלויף פון 24 שעה. געדענקט די אדרעס:
אביגדור ווארטסקי, לאדז
פולנאצנא 5 אין הויף. סאלידע בעדינונג
וויכטיג פאר עלעגאנט געקליידעטע! אין מען געשעפט ווערט אויסגעפערטיגט מלבושים לויט די נייעסטע פאסאנען.

„PRACA“
פרויען-פאך-קורסען בײַ דער געז.
צו פערשפרייטען פאך-קענטענישען צווישען יודישע פרויען.
וואולטשאנסקא 21, טעל. 167-15
נעהמט אן איינשרייבונגען:
1) קונסט-שטיקעריי,
2) דאמען-שניידעריי-צושניידען,
3) גארסעטען-פאך-צושניידען,
4) הוטען-פוצעריי,
5) וועש-נייהען-צושניידען,
6) אנדולאציע,
7) מאניקור.
דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 9—13 און פון 15—19.

רעפארמאציע-פילען
מיט דער מארקע גייסטלי־כער בעקאנט פון יאהר 1602 רעגולירען דעם מאגען, שיצען פון רעומאטיזם, לע־בער-ליידען, געגען דיק־קייט, אטרעטיזם דאס קאפ־טען בלוט אין קאפ. שטילען די יסורים פון הע־מאראידען רייניגען דאס בלוט און בײַ נעגלעגנטע אבסטרוקציע—גינסטיגען דורכרייניגונגס-מיטעל.

צו געברויכען 1 אדער 2 פילען א נאכט.
פרייז פון א שאכטעל 1.35.
צו פערלאנגען אין די אפטייקען און סקלאדען מיט'ן גייסטליכען (Zakonnik)

אויף פיעטריקאווער 271
„TOMASZ" א. פ.
RENDEZ-VOUS פון דער עלעגאנטער וועלט

פון דער פירמע
Józef Piątkowski
א גרויסע צאהל ציטונגען.

מארגעז ערעפנונג
פון דער צוקערניע,
וועלכע וועט זיין רייך פערזעהען מיט די בעקאנטע
מיט זייער געשמאקייט פון ערשטקלאסיגער קוואליטעט
צוקער-געבעקס-אויסארבייטונגען
אויסגעצייכנטע שווארצע קאווע.

B^CIA F. i J. PIETRUSZKA
84 PIOTRKOWSKA 84, tel. 142-38

פעריז=ווארען

נידריגע פרייזען
גרויסער אויסוואהל פון
ספעציעלע אפטיילונג פון וואלענע דאמען=קאנפעקציע. מיר פערטיגען אויס זעמטליכע קירזשנער=ארבייטען פון אנערקענט ערשטקלאסיגע סחורה אין אונזער אייגענער פראצאווניע

האללא! דא איז דאלסקא

דאנערשטאג, פרייטאג, שבת
און זונטאג דעם 3, 4, 5 און 6 ד.ח.
ער ועהמען אנטייל: M. DOLSKA נײ-אנגאזשירט געוו. ארטיסטקע פון „ערערעט". J. LASOTTA ניי-אנגאזשירט, MAKS BOCZKOWSKI
JERZY DARSKI ווי אויך דער ניי-אנגאזשירטער טאנץ = אקראבאטישער טריא Igaro, Lu Wilczyńska i Krystyna Malska
אויפ׳ן עקראן: דער קעניג פון וועלט-הומאר Eddie Cantor אין זיין בעסטן פילם א. ג. „URWIS z HISPANJI"
אנהויב 6 נאכמ. שבת, זונטאג און יום-טוב 2 בייטאג. פרייזען פון 54 גר. ביז 1,09

דאס בילינגסטע טעאטער אין לאדז
קינא-רעוויו
AMOR
89 פאמארסקא 89, טעל. 48=250
צוטאהר מיט די טראמוואיען 0 און 4

מייסטערווערק פון גרוים אוננעוועהנלי־קייט! — היינט און פאלגענדע טעג!

„פראנקענשטיינס צוריקקומען"

אין דער הויפטראלע דער גנייאלער KARLOFF נעכסטער פראגראם „דער איבריגער זוהן"
אנהויב אין געוו. טעג 4 נ.מ. שבת, זונטאג און יו"ט 12 בייטאג
אויפ׳ן ערשטען סעאנס און פריהמארגען סעאנסן צו 54 גר.

איינציגער קלאנג-קינא אין גארטען
RAKIETA
שענקעוויטשא 40 טעל. 141-22

היינט פרעמיערע!
צום ערשטען מאל אין לאדז!

„יונגע אדלערס"

סענסאציאנעל וועלט-מייסטערווערק 1935/6
אונגעוועהנליכע און פיל מיט גרויל איבערלעבענישע, אין די דזשונגלאס פון דרום-אמעריקא. ביז איצט נישט געזעהענע רעוואלוציעס אויפ׳ן עקראן. מיט ווילדע אינדישע שבטים. אין די הויפטראלען: BOBBY COX i CARTER DYXON
קאמף אויסערן פראגראם: קלאנג-צוגאבען.
אנהויב 4 נאכמ. נישט קוקענדיג אויף די אונגעהויערע קאסטען פון דער עקספעדיציע פון פילם זענען די פרייזען נישט געהעכערט.

קלאנג-קינא-טעאטער
Czary
2 ציגעל-גאס 2.
אויף די ערשטע סעאנסען אלע פלעצער 54 גר.

KINO TEATR **METRO** PRZEJAZD 2
אנהויב 4 נ.מ.

סענסאציאנעלער עראטישער פילם א. ג. — היינט און פאלג. טעג!
לויט דער בערימטער ערצעהלונג פון סטעפאן צווייג
אין די הויפטראלען:
W. Inkiszyniew
i Jean Yonnel
אויסערן פראגראם: וואכען-זשורנאל פון „פאטע"

AMOK

KINO TEATR **ADRIA** GŁÓWNA 1
אנהויב 5 זייגער

לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון LEW TOŁSTOJ
אין די הויפטראלען:
ANNA STEN i FREDERIC MARCH
אויסשטאטונג! אינהאלט! מוזיק! רוסישע לידער!
אויסערן פראגראם: פילם אין קאלירען „KONIK POLNY" i „MRÓWKA"
אונזערע פרייזען: 1-טער סעאנס 50 און 54 גר. נעכסטע סעאנסן: 54 גר. 85 גר. און 10,9 זל.

KATIUSZA

אנהייב 4 נאכמיטאג, שבת, זונטאג און יום-טוב 12 בייטאג.

קלאנג-קינא-טעאטער
CORSO
לעגיאנוב 2/4
היינט און פאלגענדע טעג קאנקורענצלאזע פראגראם!

היילבט ערעפנונג פון סעזאן! שאמפאנער-מוזיקאלישע געזאננס-קאמעדיע פון נייעסטער ווינער פראדוקציע

„א ווארץ פאר דיר"

אין די הויפטראלען: Louis Gráweure וועלט-בעריהמטער טענאר פון דער ווינער אפערע, Camilla Horn געשוואוירענע שעהנהייט פון די עקראנען, Marja Sazarina, Hans Rühmann, Adela Sandrock, Theo Lingen
אויסערן פראגראם: רעוועלאצ. קאלירטער גראטעסק, קלאנג-צוגאבען

קינא-טעאטער
Palace
פיעטריקאווער 108

פרייז פון אנ׳אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זלאטי

קליינע אנאנסען

פרייז פון אנ׳אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זלאטי

פרייע פאסטענס

ס׳ווערט געברויכט קוואליפיצירטע סוויטער-נייערס ארויסצוגעהמען ארבייט. צו ערפאהרען ביי לוקאוויעץ, פאמארסקא 41א.

א שטריקער-געזעלען ווי אויך א האנד-שפולערין ווערען זאפארט געברויכט שטערלינגא (נ. מארגאווא 10 וואוינונג 24. 1869

עס ווערט געזוכט א לערן-יונגעל אין דער מעכאני-שער סוויטער-פאבריק זאוואדזקא 12 ביי בירנבוים באלד געצאהלט. 1867

א פערקויפערין צו דאמען-קאנפעקציע ווי אויך א פריילין, וואס קען נייען ווערט געזוכט. „ווארשאוו-סקא קאנפעקציע" פעטריקאווער 167.

עס ווערט געזוכט 2 יונגעלייט צו שלאפען אדער אוועקצוגעבען א מעבלירטע צימער מיט אלע בעקוועמ-ליכקייטען פעטריקאווער 59. וו. 20

א קוואליפיצירטע נייהעריןצו אבערהעמדער ווערט געזוכט פון זאפארט. צו מעלדען זיך שוו. יאקובא 6 וו. 8

עס ווערט געזוכט א קוואליפיצירטע קראפט-שפו-לערין קאמיענא 6 וו. 29. 1849

ראקאלען

צו פערמיטען זאפארט אויף פראנציסקאנער גאס אנ׳איינגעפיהרטע געוועלב, א יאטקע, וואס עקזיסטירט שוין 12 יאהר. עס קען זיין אויף אנדערע זאכען אויך. צו ערפאהרען אויף פאמארסקא גאס 35 ביי א. צוקערמאן.

עס ווערט געזוכט א סובלאקאטארקע, אויך ארבייטען אין דער שטוב, נאווראט 1א וו. 27.

א שטוב פאר צוויי אינטעליגענטע יונגעלייט ווערט געזוכט ביי א ארענטליכע פאמיליע. אפערטען אין „נ. פאלקסבלאט" פאר ש—ק. 1842

אנ׳ארט צו שלאפען פאר אנ׳אנשטענדיגען יונגער-מאן ביי רייך וואלבארסקא 34.

צו פערמיטען א צימער אויף א פראצאווניע, פעט-ריקאווער 15 וו. 9. 1871

צו פערמיטען 2 שטיבען און א קוך מיט 5 פענס-טער און בעקוועמליכקייטען. צו ערפאהרען קילינסקיעגא 21 ביים ווירט.

ס׳ווערט געזוכט צו דינגען א וואוינונג פון 2 שטי-בען מיט א קוך אין צענטרום שטאט מיט אלע בעק-וועמליכקייטען צו קלינגען 77-112.

א בעקוועם ארט צו שלאפען פאר אנ׳אנשטענדיגען יונגענמאן זאכאדניא 39 וו. 5 פראנט 1 שטאק.

א שעהן צימער אין בעסטען צענטרום פעטריקאווער גאס אפצוגעבען זאפארט. צו ערפאהרען צעגעלניאנא 1 וואוינונג 25.

Napiórkowskiego 47/49. 3 pokoje z kuchnią frontowe z wszelkiemi wygodami, tanie komorne w czystym domu natychmiast oddam. Wiadomość u dozorcy lub m. 28. 1846

פערשידענעס

אכטונג שטריקער! איך נעם אן ארבייט אויף לוין 8-ער מאשינען, זגערזשער 38 וו. 34.

עלאסטיק-מאשין אויף רעפארמעס. מיר נעמען אן אויף לוין ביליג, פעטריקאווער 115, סוויטער-פאבריק.

איך האב צו פערקויפען א 100-10 דיאמאנט-מאשין צו ערפאהרען אל. קאשטשושקי 22 וו. 66.

צו פערקויפען אייזערנע טינדלעך אין ברעטער-סקלאד זאכאדניא 58 טעלעפאן 95-185.

וויכטיג פאר אפאשקע - סוחרים! איך נעם אן אויסצופערטיגען אפאשקעס די שענסטע ארבייט צו בי-ליגע פרייזען, אויך אבערלאק פערשידענע ארבייט, יעקיל וואלף 11 ליסטאפאדא 3.

וויכטיג פאר טריקא-בראנזשע! צוליב אפרייזע נאך פאלעסטינא ביליג צו פערקויפען א ניי-גומי-מאשין. אפערטען אונטער „זאפארט". 1836

ס׳ווערט געזוכט א פאכמאן צו איבערשרייבען א העברעאיש ווערק אויף א שרייב-מאשין. זיך ווענדען צו בונין, אל. קאשטשושקא 29 וו. 9.

א לאנגיעהריגע צוקערניע מיט עלעגאנטער איינ-ריכטונג אוועקצוגעבען. צו ערפאהרען 6-טער שערפיען 32 אין עלעקטרישען געוועלב.

וויכטיג פאר בעשטעלטע דאמען-שניידער! איך האב מאדעלען פאר דאמען-מענטעל ספעציעל פעלץ-קרעגען האטעל „מאנאפאל" זאוואדזקא 7.

א גוטע שפול-מאשין אויף 12 ווינדעס צו פערמי-טען אדערצו פערקויפען. צו ערפאהרען זגערזשער 13 אין הויף אין גארן-געשעפט.

פאלעסטינא. איך קען מיטנעמען א מעדעל קיין פאלעסטינא פון זאפארט. אפערטען אין אדמ. אונטער „פאלעסטינע".

איך נעם אן אויסצוארבייטען ספארט-לענגען און רענדער צו באטובקעס אויף א5-ער און 6-ער שליטען-מאשין ביי זויד זשעראמסקי 34.

אנ׳אלמנה אין מיטעלען עלטער זוכט בעשעפטי-גונג ביי א קינד אדער ביי אנ׳עלטערער (קראנקער) פער-זאן פאר קאסט און לאזשי אפערטען אונטער „Skromność" אין אדמ. פון דער צייטונג.

וויכטיג פאר צייכנער (ריסאוניקעס) פערקויף פון שאבלאנען פיר אלע ארט ריסונקעס צו שטיקעריי אין גרויסען אויסוואהל, ווי אויך מוסטערן לויט פערלאנג. עדעלסבערג, נאוואמיעסקא 9. 1855

וויכטיג פאר סוויטער-מאכערס! א פאר אויסלענ-דישע 8-ער פלאטען 80 ברייט און גוטען צושטאנד צו פערקויפען. צו ערפאהרען ביים צייטונגס-פערקויפער רוג בזשעזשינער און מלינארסקא.

זעהר א געלערנטער פעהיגער פיזישער יונגערמאן פון דער פראווינץ זוכט א פאסטען ביי וואס ס׳זאל נישט זיין פאר א מינימאלער בעלוינונג. איך קען אויך געבען א געלד-קויציע. זיך ווענדען פאמארסקא 15 וו. 17. פאר י. ע.

מעבעל עס" און שלאף-צימער געלעגנהייטליך ווערט געזוכט אפערטען מיט פרייזען אין אדמינ. אונ-טער „יובל". 1810

Hebrajskiego wyuczam w krótkim czasie. Ceny bardzo przystępne. B. Baran, Południowa 20, m. 36, u p. Frydmana. Zastać można od 8–10 w.

Angielskiego i hebrajskiego udziela tanio rutynowany nauczyciel, absolwent hebr. gimnazjum. Tel. 140-68 lub zgłosić się Lipowa 43, pr. ofic., I p.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.

לאָדז

פון אלי באַרוכין

קאָנט איהר דאָס בילד, ווי אַ אַעראָפּלאַן הויבט זיך אויף פון דער ערד און מיט געשיקטע, עלאַסטישע בעוועגונגען טראָגט ער זיך שטאָלץ, הויך און העכער, ווי אַ פויגעל, און פלוצלונג — אַ גרויל! גיט ער זיך אַ בויג, אַ ריס, אַ דרעה, אַראָפּ, אַרויף, זיג־זאַג און פאַלט, פאַלט, פאַלט...

צום בילד פון אויפשטייגענדען און פאַלענדען אַעראָפּלאַן ביזט גלייך לאָדז! טויזענדער אַרבייטס־זאַמע שטייגער און בויער האָבען דיך אויסגעטראָגען אויף זייערע אַקסלען; אין טונקעלע קעלערן, אין דושנע בוידעם־שטיבלעך און אין איינזאַמע פאַלאַצען האָבען צוגלייך געשמידט דעם חלום פון דיין אויפקום די אונטערנעמער, די קאַפּיטאַליסטען־פיאָנערן און די מענשען מיט אָרעמס, עלענ בויגענס און שטאָהלענע קניה; טויזענדער האָבען דיך ביודעים ובלא יודעים געוואָלט דערהויבען צו דער קרוין פון דער נייער קולטור, צו דער קולטור פון דער מאַשין, עלעקטריע און קראַפט. עס איז געווען זייער בעהאַלטענע אַמביציע, זייער דראַנג צו מעשים, זייער גלויבען צו מאַכען פונ׳ם וועבער־דערפעל איבער דער לודקע, אַ ריזען־שטאָט פון שאַפען און בעוועגונג און זיי האָבען ווייט געברענגט זייער חלום, עלאַסטיש צופירט זייערע פליגלען אין דער הויך.

אויפ׳ן אָרט פונ׳ם טונקעלען וואַלד אַוועקגעשטעלט גאַסען מיט הויכע בנינים, דורכגעשניטענע פון עלעקטרישע דראָטען, טראַמוואַי־שינעס און בריקען; אויפ׳ן אָרט פון דאָרפישע כאַטקעס צוּוואָרפענע איינס פון אַנדערען אויף קילאָמעטער־ווייט — אַוועקגעשטעלט קאָפּ אויף קאָפּ מויערן, הייזער און פאַמיליען־הייזער, נעסטען פון צענדליגער טויזענדער בויערנדע און עגבערנדע מרובקעס, און עס האָט זיך צושאַלט דאָס ליד פון אַרבייט, דאָס ליד פון דער שטאָט איבער דער לודקע, וואָס האָט דער וועלט אויסגעזונגען איהר ניי ליד אין ריטם פון מאַשינען.

שליחים, וואַיאַזשאָרען, האָט די נייע שטאָט צושיקט צו די ווייטסטע מקומות פון אייראָפּאַ, אַזיען און אַפריקאַ, וואָס האָבען געשיקט און מיט געניטע הענד אויפגעוואָרפען די פאַרביגע מוסטערן פון איהרע סחורות, וואָס האָבען ענטהאַלטען אין זיך דעם בלענדענדען חלום פון אויפקום און דער חלום האָט געזיגט, איינגענומען, בעפעסטיגט צו זיך. לאָדז — האָט מען געוויזען מיט׳ן פינגער, דאָס קומט פון לאָדז... און דער וואַיאַזשאָר האָט צוריקגעבראַכט דעם דאָזיגען בעוואונדערונגס־גרוס פאַר דער אין דער הויך זיך רייסענדער שטאָט, און זי איז געשטיגען העכער, ווייטער איבער לענדער מערק און ווייטע קאָנטען — —

די געשיכטע פון די ערשטע צענדליגער יאָהרען פון נייעם אַמעריקאַנישען טעמפּאָ אין פוילען פון אויפוואַכענדען טעקסטיל־צענטער, פון דער פוילישער אַרבייטס - מעטראָפּאָליע.

דער פויגעל פליהט, פליהט, פליהט און פלוצלונג —

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער שטורם איבער דער וועלט, קאַנאָנען־דונער, בעלאַגערונג, אָקופּאַציע, ברוטאַלער געוואַלד — איז איינגעשטילט געוואָרען דער רויש פון די מאַשינען, ביז, ביז דער נייער מאָרגען האָט אויפגעלויכטען אין לאָדז און דער חלום האָט זיך בעניים.

ווידער זענען די לאָדזער אַרויס פון זייערע נעסטען, די אויסגעוואַנדערטע בע תדער אָקופּאַציע האָבען צוריקגעצויגען אין זייער רוהמרייכער פאָטער־שטאָט, מיט גלויבען, מיט האָפנונג, אַז וואָס געווען, ווערט ווידער זיין, אַז דער שטערן פון דער שטאָט לייכט ווידער אויף און מען האָט זיך אַ ריס געטון מיט גאָלע הענד, מיט ליידיגע קעשענעס, מיט צושטערטע וואַרשטאַטען, מיט פון די אָקופּאַנטען בערויבטע אַרבייטס־פלעצער שאַפען, שאַפען, שאַפען...

אָבער פאַר וועמען?

אָפּגעשניטען איז געווען דער גרויסער, רייכער רוסיש־אַזיאַטישער מאַרק; אויף דער נייער מאַפּע פון אייראָפּאַ איז נישט געווען אָנגעצייכענט קיין לאַנד, וואָס זאָל קאָנען קאָנסומירען די לאָדזער אַרבייטס־פּרוכט. דאָס אייגענע לאַנד איז געווען אויסגעמוטשעט פון אָקופּאַציע און הונגער, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די טראַגעדיע פון לאָדז, די טראַגעדיע פון אַ שטאָט, וואָס איז פול קראַפט, שאַפונגס־דראַנג און גלויבען, און האָט נישט קיין אָרט דאָס אַלץ צו פערווענדען.

לאָדז האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבען. מיט פאַרזיכטיגע, ניכטערע שריט האָט די שטאָט גענומען געוויבען פאַר זיך די ווידער ערוואָרבענע אַלטע פוילישע פּראָווינצען, וואָס זענען צענדליגער יאָהרען פערוואַלטעט געוואָרען דורך אָקופּאַנטען, וועלכע האָבען אויף די דאָרטיגע פּאַליאַקען אויפגעדריקט זייער קולטור און געשמאַק. דער לאָדזער וואַיאַזשאָר איז אַהין געגאַנגען נישט ווי אַ סוחר, נאָר ווי אַ פּעדאַגאָג, און ער האָט געוואונען. לאָדז האָט זיך ענג פערבונדען מיט די דאָזיגע פּראָווינצען, געוואָרען איינס מיט זיי, זייער בעסטער צושטעלער און ווידער האָט זיך געדוכטען, אַז דער אַלטער חלום לעבט אויף, לאָדז וועט ווידער אַרויף, איז אָבער געקומען דער קריזיס און די שטאָט איז געבליבען שטעהן אין מיטען אויפשטייג.

איצט פוסטעווען די טויזענדער און טויזענדער גרעסערע און קלענערע וואַרשטאַטען; אויף באַלוט, כאָיני, ווידזעוו און קאַראָלעוו, די פאָרשטעט פון לאָדז, וואָס זענען בעוואוינט פון הונדערטער, טויזענדער אַרבייטער, אַריינגעפּרעסטע צו 6, 8 פּאַמיליעס אין ענגע, דושנע שטיבלעך, דרעהען זיך טויזענדער אַרבייטסלאָזע און קוקען אויס אויף דער מאַגערער שטיצע פון לאָקאַלען קאָמיטעט פון אַרבייטס־פאָנד; זיי קאָבען נישט וואוהין צו טון זייערע מאָזאָליעטע הענד און זייער שאַפונגס־חלום.

אָבער וואו בעהאַלט זיך דער העלער מאָרגען? וואו געפינט מען אַנ׳אויסוועג? וואו טוט מען זיך אַהין מיט דער שפּאַ־ענדער ענערגיע, וואָס ווערט אויסגעביטען אויף ליידיגע מאַגענס, טראַנטעס און געל־וואַקסענע פנימ׳ער?

די טראַגעדיע פון אַ שטאָט, וואָס האָט געקענט געהן העכער און העכער און איז געבליבען שטעהן.

דאָס לעבען אין וואַרשא

(טעלעפאָנישע ידיעות פון דער הויפּט־שטאָט)

פּערסישער פאָרשטעהער ביים מלוכה - פּרעזידענט

דעם צווייטען אָקטאָבער האָט דער פּערסישער פאָרשטעהער אין וואַרשאָ, מאכמעד שייעסטעק איבערגעגעבען דעם מלוכה־פּרעזידענט די בעפולמעכטיגונגס בריף אויף א ספּעציעלער אוידיענץ אין שלאָס.

אַנוועזענד זענען געווען: אויסערן מיניסטער בעק, שעף פון דער ציווילער קאַנצעלאַריע שוויעזשאַווסקי, שעף פון מיליטערישען קאַבינעט פּולקאווניק שאַלי, ווי אויך די מיטגלידער פון ציווילען און מיליטערישען הויז פון מלוכה פּרעזידענט.

ביים איבערגעבען די בריף האָט מאַכמעד שייעסטעק געהאַלטען אַ רעדע אויף וועלכע דער מלוכה פּרעזידענט האָט געענטפערט.

גענעראַל רידז־שמיגלי האָט אויפגענומען די זיגער פון באַלאָנען־געיעג

דער גענעראַל אינספּעקטאָר פון דער אַרמעע גענעראַל רידז שמיגלי האָט אויפגענומען די זיגרייכע פּוילישע אַנטיילנעהמער פון דעם באַלאָנען געיעג.

פון יודישען ווירטשאַפטליכן קאָמיטעט

וואַרשע. די לעצטע טעג האָט דאָס אויספיהר ביוראָ פון יודישען ווירטשאַפטליכן קאָמיטעט אָבגעהאַלטען א בעראַטונג, אויף וועלכער עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דער פּלאַן פון א גאַנצער רייהע ווירטשאַפטליכע אַרביימען, צו וועלכע עס איז בעשלאָסען געוואָרען צוצוטרעטען שוין אין די נאָהענטסטע צייט. צווישען אַנדערען איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצובריי טערען און פערשטאַרקען די האַרט פאַר די פריערן אָנגעהויבענע אַקציע וועגען בעשעפטיגען יודישע פיזישע און גייסטיגע אַרבייטער און וועגען שאַפען אַרבייטס־מעגליכקייטען פאַר יודישע אַרבייטסלאָזע און פּרנסה׳לאָזע.

בעת דער בעראַטונג איז בעריהרט געוואָרען די פּראַגע פון דער אַנקעטע וועגען בעשעפטיגען אָנגעשטעלטע אין די יודישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען מיט בעדויערען, אַז א בעדייטענדע צאָהל אינסטיטוציעס, צו וועלכער דער קאָמיטעט האָט זיך פאַר די פריערן געווענדעט מיט אַנ׳ענטשפּרעכענדען פּראַגע־בויגען, האָט איבערגעלאָזען די ווענדונג פון קאָמיטעט ביז איצט אָהן אַנ׳ענטפער. דער ווירטשאַפטליכער קאָמיטעט ווענדעט זיך איצט אויף דעם וועג צו די דאָזיגע אינסטיטוציעס מיט דער בקשה, זיי זאָלען דעם פּראַגע־בויגען אויספילען און איבערשיקען איהם אויפ׳ן אַדרעס פון יודישען ווירטשאַפטליכען קאָמיטעט אין הוילען, וואַרשע, אַ״לא 6 וו. 4.

מינדעסטענס איין מאָל וועכענטליך

די סטאַראָסטווע האָט פעראָרדענט אַז די פּאָליציאַנטען זאָלען אָפּהיטען די ריינקייט אויף די טרעפּען און אין די טויערען פון די הייזער. די טרעפּען מוזען געוואשען ווערען מינדעסטענס איינמאָל אין דער וואָך, דאָסגלייכען אויך די פענסטער אין טרעפּען־הויז.

די הויז־וועכטער, וואָס וועלען זיך נישט צופּאַסען צו דער דאָזיגער פעראָרדנונג וועלען בעשטראָפט ווערען.

די גריפּע אין וואַרשא

די וואַרשאַווער דאָקטוירים האָבען די לעצטע טעג נאָטירט אַ פערגרעסערטע צאָהל גריפּע קראַנקע. אין אַ סך פאַלען זענען עס נאָר געוועהנליכע פערקיהלונגען. די פערגרעסערטע צאָהל גריפּע קראַנקע מיט אַ מילדען פערלויף דאַרף צוגעשריבען ווערען די פלוצלונגע ענדערונגען פון די הערבסט־וועטערען.

אַ מיליאָן זלאָטעס האָט געקאָסט די בוי - אויסשטעלונג

דאָס איינאָרדנען די לעצטע וואוינונגס און בוי־אויסשטעלונג אין וואַרשע האָט אָבגעקאָסט אַנ׳ערך אַ מיליאָן זלאָטעס. עס זענען דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען 46 וואוין־הייזער. די דורכשניטליכע הוצאה פון א בנין האָט בעטראָפען פון 34 ביז 43 זל. פאַר יעדען קוביק מעטער.

פון דער אַלגעמיינער צאָהל אויסגעשטעלטע הייזער זענען 35 פערקויפט געוואָרען. די אויסשטעלונג האָבען אין משך פון 5 וואכען בעזוכט 90 טויזענט פערזאָן.

צוואַנגס־קורסען פון היגיענע

אין דער אָפּטיילונג פון עפענטליכער שוץ און געזעלשאַפטליכער געזונד איז פאָ־געקומען א זיצונג פון דאָקטוירים, אויף וועלכער דער לייטער פון שטעטישען געזונדהייטס־אַמט האָט בעקענט די פערזאַמעלטע מיט׳ן נייעם אַרבייטס פּראָגראַם אין שייכות מיט פערשפּרייטען די פּרינציפּען פון היגיענע צווישען די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

אין שפּעטען הערבסט און אין די ווינטער חדשים וועלען די סאַניטאַר דאָקטוירים אָרגאַניזירען אין זייערע קרייזען קורסען פון היגיענע און סאַניטאַרער געזעצגעבונג.

עס וועלען אויך בעשטימט ווערען ספּעציעלע קורסען פאַר בעזונדערע בראַנזשעס און פּראָפעסיעס ווי בעקערייי בעזיצער, און אַרבייטער, אינהאַבער פון מילכערייען, פלייש־געשעפטען, פריזיערס, סטרוזשעס א. אַז. וו.

די קורסען וועלען געפיהרט ווערען אין די חגאאות בחנם און וועלען זיין פערפליכטענד פאַר די פעראינטערעסירטע פערזאָנען.

אַ שכור לעגט זיך שלאָפען אויף די שינעס און ווערט דערהרג׳עט.

אויף דער מארימאנצקער גאַס איז דער טראַמוואַי איבערגעפאָהרען דעם 30־יעהריגען וול. טשעקאַלאַ, וועלכער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אויפ׳ן אָרט.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט טשעקאַלאַ שכור׳ערהייט זיך אַוועקגעלייגט אויף די שינעס שלאָפען. דער טראַמוואַי - פיהרער האָט צוליב דער שוואַכער בעלויכטונג פון דער גאַס נישט בעמערקט דעם ליגענדיגען שכור און איז איהם איבערפאָהרען.

פערבאָט פון הויף - האַנדעל מיט ברען - מאַטעריאַלען

צוליב דעם, וואָס אין די ווינטער חדשים פערשטאַרקט זיך דער הויף האַנדעל מיט הייץ־מאַטעריאַל, וועלכער איז פערוועהרט האָט די סטאַראָסטווע פעראָרדענט די פּאָליציי פונקציאָנערען דאָס זיי זאָלען אַכטונג געבען, דאָס אויף די פּלעצער און גאַסען זאָלען זיך נישט אָפּשטעלען קיין האַנדעלעך מיט׳ן ציל צו פערקויפען ברען מאַטעריאַלען.

שטעטיש געבעקס טייערער געוואָרען

זייט צוויי טעג איז דאָס געבעקס, וואָס ווערט פערקויפט אין די שטעטישע געוועלבער טייערער געוואָרען. א ברויט, וואָס האָט געקאָסט 26 גראָשען קאָסט איצט 28 גראָשען, ראַזאָווע ברויט איז געהעכערט געוואָרען פון 20 גר. אויף 22 גר. זעמעל פון 35 ביז 40 גר. עס זענען בילינער געוואָרען בייגעל פון 5 גראָשען אויף 4 גר.

די טויזענטסטע פאָרשטעלונג פון דער אָפּערע „האַלקאַ“

דעם קומענדיגען דינסטאָג הויבט זיך אָן דער ווינטער־סעזאָן אין דער וואַרשעווער אָפּערע. אַלס ערשטע פאָרשטעלונג געהט די אָפּערע „האַלקאַ“ פון מאָניושקי. דאָס וועט זיין די טויזענטסטע יובילעאום - פאָרשטעלונג פון דער דאָזיגער אָפּערע וועלכע איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען אין 1847 יאָהר אין ווילנע.

קאַץ און מויז

(דערצעהלונג) • פון דוד פּינסקי

— 6. —

רודי האָט עס בעמערקט, געזעהען, געפילט, אָבער געמאַכט זיך נישט וויסענדיג. ער האָט גענומען דאָס קעסטעל, אַרויסגענומען אַ שוועבעלע, אָנגעריבען, פערויכערט, און געוואָלט שטאַרק אַ וואָרף טון דאָס קעסטעל דעם יוד אין געזיכט אַריין „נאַ יודע“! אָבער דאָס וועט ער טון אַנ׳אַנדערט מאָל, שפּעטער ווען עס איז, איצט האָט ער אומגעקעהרט דאָס קעסטעל מיט אַ דאַנק, איז צוגעגאַנגען צו דער פאָרענטשע, אַוועקגעוואָרפען דאָס אויסגעלאָשענע העלצעל אין ים אַריין, אַ קוק געטון פון דער זייט אויף דעם מיידעל און איז געבליבען שטיין ביי איהר זייט.

„פאַסצינירענדיג, ווי?“ האָט ער אַ זאָג געטון. לינכען האָט שווער געאָטעמט, ווען ער האָט זיך צוגעשטעלט, אויפגעציטערט, ווען ער האָט אַ רעד געטון. זי האָט געקוקט אויף די כוואַליעס און נישט געוואוסט, אַז זי זעהט זיי. איהרע אויגען האָבען געוואָלט אַ קוק טון אויף איהם, אָבער נישט דערוועגט זיך, און געהאַט אין זיך דעם ציטער פון אַנ׳איבערגעשראָקענער, יונגער הירשין. און ווייל זי האָט זיך נישט געפונען צו ענטפערען גלייך, האָט זי זיך געפיהלט אומטאַקטיש, און איז געווען אומגליקליך.

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווילע און ווייטער גערעדט, ווי צו זיך אַליין.

„איך בעגרייף, ווי מ׳קאָן שטעהן אַליין און קוקען און, און נישט פיהלען די אַליינקייט, פערגעסען וועלט און מענשען און פילען זיך אויסגעפילט. יעדע נייע כוואַליע איז אינטערעסאַנט. מ׳קוקט אויף איהר אָנקום, ווי זי וואָלט עפּעס געבראַכט מיט זיך, און דערנאָך קוקט מען נאָך איהר צוזאַמענברוך, איהר צוריקגיין, איהר פערשווינדען, און עס איז ניי, ווי קיינמאָל נאָך נישט געשעהן, פערכאַפּענדיג... שטאַרקע דראַמאַטישקייט... אָ, ענטשולדיגט, איך שטער דאָך נישט?!“

ער האָט גערעדט אַזוי ווייך, זיין זעהר מענליכע שטימע איז געווען מעלאָדיש, זיין ענטשולדיגונג האַרציג־חבר׳יש.

זי האָט געהערט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט. געקאָנט שטיין אַזוי און הערען. אָבער זי האָט נישט געקאָנט רעדען. געפיהלט זיך אַזוי אומפריי. און די צונג האָט זיך נישט בעוואויגען. אָבער ווען זי וועט נישט ענטפערען, וועט ער אָננעמען, אַז זי וויל נישט, ער זאָל רעדען, און וועט אַוועקגיין. זי האָט זיך אָנגעטון אַ כוח, אַ קער געטון דעם קאָפּ אין זיין זייט, אַ קוק געטון אויף איהם.

„איך שטער דאָך נישט, ווי?“ — האָט ער איבערגעפרעגט.

זי האָט אַ שאָקעל־געטון מיט׳ן קאָפּ, אַ פיר געטון מיט די ליפּען, אָבער קיין טאָן נישט אַרויסגעבראַכט. ניין, ער שטערט נישט.

ער האָט געזעהען דעם אומענדליכען טרויער אין איהרע אויגען, די דערשלאָגענקייט, אָבער אויך עפּעס פון דאַנקבאַרקייט. ער האָט געוואוסט, וואָס זי לעבט איבער, די דערגראַדירטע יודישקע, און געפיהלט זיך העך און הערשער. ער וועט שוין טאָן מיט איהר, וואָס ער וויל.

ער האָט איבערגעקענט אַ סך יודישע פרויען, איז בכלל געווען בעקאַנט מיט יודען, האָט פערקערט מיט זיי גלייך מיט גלייך, ווען דאָס איז געווען אין גייסט פון דער צייט. ווען דער גייסט פון דער צייט האָט זיך געביטען, האָט ער זיך געביטען מיט איהם. ער האָט זיך דערווייטערט פון זיינע יודישע פריינד און געפיהלט זיך זעהר אָנגענעהם און וואַרים אין דער סופּעריאָריטעט, וועלכע ער האָט זיי געקענט אַרויסווייזען. אַזוי פיל ווי אַ סאָלדאַט צו די אַנדערע סאָלדאַטען, ווען ער ווערט אַרויסגענומען פון זייערע רייהען און דער׳העכערט. גאַנץ דייטש לאַנד איז געוואָרען אונטעראָפיצעריש בנוגע די יודען. אַנ׳אונטעראָפיציר קען זיך אַ סך ערלויבען מיט זיינע אונטערגעשטעלטע, דער עיקר נאָך, ווען ער האָט אויף דעם די ערלויבניש פון אויבען. זיי דאַרפען צו איהם אַרויפקוקען און דאַנקבאַר זיין, וואָס ער גיט זיי נישט קיין בריק. אָט די, וואָס שטייט לעבען איהם, איז איצט יענער אונטערטעטיגער סאָלדאַט, און זי וועט פאָלגען און וועט זיין גליקליך, וואָס זי קען פאָלגען.

זאָל ער איהר געבען צו פערשטיין, אַז ער ווייס, אַז זי איז אַ יודישקע, אָדער פאָרלויפיג בעהאַנדלען זי, ווי ער וואָלט זי געהאַלטען פאַר אַ אַריערין? קודם־כל דאַרף ער אויסגעפינען, ווער זענען דאָס די צוויי שכנים איהרע.

ער האָט עס געטראַכט און דער־ווייל גערעדט, „איך מוז אָבער מודה זיין, אַז דער ים מאַכט מיך טרויעריג. זיין מאכט איז א בייזע מאַכט. זי אימפּאָנירט מיר, אָבער מאַכט מיך טרויעריג. ד מאַכט מיך טרויעריג, ווייל זי אימפּאָנירט מיר, ווייל איך פיל זיך אַזוי שוואַך און הילפלאָז געגען איהר, איך ווער אַ קינד. איך האַלט זיך אויפ׳ן שיף, ווי אונטער׳ן שוץ פון מיין מוטער. דאָ, די פּאָרענטשע איז מיין מאַמעס פאַרטוך, צו וועלכען איך האַלט זיך“...

זי האָט אַ טראַכט געטון, ער איז אַ שריפטשטעלער, אַ דיכטער... אפשר איינער, וועמענס נאָמען איז זעהר געשעצט געוואָרען פון איהר. זי האָט זיך ווידער איינגעקוקט אין איהם פון דער זייט. אפשר האָט זי ווען עס איז געזעהען זיין בילד, ער איז איהר טאַקע פאָרגעקומען בעקאַנט. אָבער זי האָט געשוויגען, נישט געפונען וואָס צו זאָגען. זי איז טאַקע געווען ווי דער פּראָסטער סאָלדאַט פאַר זיין פאָרגעזעצטען. געקאָנט זאָגען יאָ אָדער ניין, אָדער בלויז צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ.

ער האָט זיך נישט געוואונדערט, וואָס זי האָט נאָך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. די דערשראָקענע יהודית! וואָס דאַרף ער איהר גערייד? וואָס געהט איהם אָן, וואָס זי וועט זאָגען? אָבער מיט פערגעניגען וואָלט ער געהאַלטען זיין האַנד אַרום איהר... איהר לייב פערשפּרעכט אַזויפיל... מוז זיך גוט פיהלען אונטער די פינגער... איהר קול און איהרע ווערטער מעג זי בעהאַלטען פאַר זיך...

„ווילט איהר זיך אַביסעל דורכגעהען?“ האָט ער פלוצלונג אַ פרעג געטון.

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר אַ בעוועג געטון זיך, אָפּגערוקט זיך פון דער פאָרענטשע. זיי זענען אַוועק אין דער זייט פון הינטערדעק. ביידע האָבען נישט אַ קוק געטון אין דער זייט פון איהרע שכנים. ער האָט איצט געוואוסט, אַז זי האָט מיט זיי קיין שייכות נישט.

(ווייטער קומט)

ניייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבען

ניייער פאלקסבלאט

פרייטאג, 4 ז׳ תשרי תרצה

אקטאבער

5.41 זון־אויפגאנג
5.07 זון־אונטערגאנג
ליכט־צינדען: 4,56

וועגען דער אויסמעסטונג פון הכנסה־שטייער אויף 1935

ווי אזוי עס זעהט אוים די „אליין־פערטיידיגונג“

פון אדוו. ע. שעסקין

ווי איך האב שוין בעמערקט אין מיין פריהערדיגען ארטיקעל, איז יעדער רעקורס פערבינדען מיט א שטיקעל געפאהר, ווייל די רעקורס־קאמיסיע אויב אנערקענט זי, אז די אויסמעסטונג איז א צו־נידריגע, קען זי צו יעדער צייט, צוריקשיקען דעם ענין אין שטייער־אמט, כדי צו דערגענצען די אויסמעסטונג. אבער צום גליק, זענען אזעלכע פאלען זעהר זעלטענע; די פינאנץ־אמטען האבען נישט ליב אזוי שטארק צו צערטלען זייערע קליענטען, און עס האט נאך כמעט נישט געטראפען אזא פאל, אז א צאהלער זאל זיך בעקלאגען, אז מען האט איהם געמאכט א צו נידריגע אויסמעסטונג.

דאך, אין דער פראקטיק, שטויסען מיר זיך עפטער אן אן די, אזוי גערופענע צוגאב—אויסמעסטונגען, וועגען וועלכע עס רעדט דער ארט. 104 פון דער שטייער - ארדינאציע. אזעלכע צוגאב—אויסמעסטונגען, ווערען, על פי רוב, אנגעווענדעט צו צאהלערס, ביי וועלכע מ׳האט ביי דער אויסמעסטונג פערזעהען, עווענטועל זענען שפעטער בעקאנט געווארען אזעלכע אומשטענדען, פון וועלכע מ׳קען דרינגען, אז די אויסמעסטונג איז געווען א צו קליינע. די דאזיגע צאהלערס קענען ווערען בעשטייערט מיט א צוגאב, אפילו פאר די שוין פערגאנגענע יאהרען.

אין א גאנצע רייה דעציזיעס פון העכסטען טריבונאל ווערען ארומגערעדט און אויסגעטייטשט וואס עס הייסט אזוינס „שפעטער בעקאנט געווארענע אומשטענדען“. צוליב דעם אבער, וואס דאס איז א ריין רעכטליכער ענין, וועלכער האט פאר דער ברייטער עפענטליכקייט נישט קיין פראקטישען בעדייט, וועלען מיר איהם דא נישט ארום רעדען.

אויב האנדעלט זיך עס אום די אזוי גערופענע צוגאב־אויסמעסטונגען, קענען אזעלכע געמאכט ווערען, נאר פאר די פערגאנגענע פינף יאהר, רעכענענדיג פון סוף קאלענדאר־יאהר, אין וועלכען עס איז ענטשטאנען די שטייער־התחייבות.

דער דאזיגער, איינהייטליכער טערמין פאר אלע שטייערען, איז פעסטגעשטעלט דורך דער שטייער־ארדינאציע. צופריהער (איידער עס איז ארויס די שטייער־ארדינאציע), האט יעדער שטייער געהאט זיין בעזונדערן טערמין און אזא שטייער, למשל, ווי דער שטייער פון לעדיגע, נישט פערבויטע פלעצער, האט בכלל קיין טערמין נישט געהאט.

אין מיין פראקטיק האב איך אזעלכענע פאלען, ווי מען האט מיט דעם דאזיגען שטייער בעשטייערט פאר צעהן עבר־דיגע יאהרען.

אבער, ווען מיר ווילען ארויסגעהען פון דער הנחה אפילו, אז ביים בעטראכטען דעם רעקורס, וועלען קיין צוגאב־אויסמעסטונגען נישט געמאכט ווערען, אז דער רעקורס איז אפגעגעבען געווארען אין דער בעסטער ארדענונג, ד״ה עס איז איינגעצאהלט געווארען די פארגעשריבענע קויציע, וועגען וועלכער מיר האבען גערעדט אין פריהערדיגען ארטיקעל, די איינצאהלונג איז נאטירט געווארען אויף דעם רעקורס און דער רעקורס קומט שוין, למזל אויף א זיצונג פון דער רעקורס־קאמיסיע, צו וועלכער ווערט אויך פערבעטען דער שטייער־צאהלער, בכדי אפצוגעבען מינדליכע ערקלערונגען — אויב אלעס גייט שוין אזוי גלאט, ווי א מזמור, הויבט זיך ערשט אן א פרישע סכנה מכוח דער עצם ערלעדיגונג פון רעקורס און מכוח זיין פעולה:

די הערן פון דער קאמיסיע זיצען ארום דעם גרינעם טיש און צו זיי ווערט אריינגערופען דער צאהלער, פלוני בן פלוני, בכדי ער זאל אנגעבען זיינע „מינדליכע ערקלערונגען“.

לויט דער שטייער־אינסטרוקציע, דארף זיך אזא זיצונג אנהייבען פון רעפערירען דעם ענין אין דער אנוועזנהייט פון צאהלער (ארט. 425 פון דער אינסטרוקציע), אין דער פראקטיק אבער בעשטייט דער „רעפעראט“ פון איבערלייענען דעם רעקורס. ד״ה מען לייענט דעם צאהלער איבער דאס זעלבע, וואס ער האט אליין, בשעתו אנגעשריבען, דאס וואס איז איהם גאנץ גוט בעקאנט, אבער די איבעריגע ידיעות פון זיין ענין, וועלכע געפינען זיך אין די אקטען, אפטמאל גאנץ גראבע, בלייבען פאר איהם א סוד, טראצדעם, וואס די התנהגות פון דער רעקורס־קאמיסיע איז א הונדערט־פראצענטיג עפענטליכע. נאכדעם, ווי מ׳האט דעם צאהלער פארגעלייענט זיין רעקורס, בעקומט דער צאהלער דאס ווארט און דא הויבט זיך אן דאס שיטערע־געדיכטע :— דער צאהלער — א יוד פון א גאנץ יאהר, וועלכער איז אפט נאך דערצו מיט׳ן פוילישען לשון נישט אזוי שוה־בשוה — דארף דאס מיט אמאל אנהויבען דערלאנגען לשון פאר אזוי פיל הערן פון דער קאמיסיע און ביי אזא פייערליכער שטימונג!... און עס טרעפט דעריבער גאנץ אפט, אז דער צאהלער, הגם ער האט זיך אינדערהיים געהאט צוגעגרייט א פלאם־פייערדיגע רעדע, וועלכע ער האט איבערגעחזרט פאר ווייב און קינד, פאר שווער און שוויגער, אפילו פאר זיין אנגעשטעלטען, א רעדע, וועלכע, ווי איהם האט זיך געמאהלען אין דער פאנטאזיע, וועט ארויסרופען טרערען ביי דער גאנצער קאמיסיע, וועלכע וועט זיך אננעמען זיין קשיודע און וועט כאטש דעם בעאמטען פון שטייער־אמט אויף שטיקער צורייסען, פאר זיין צו גרויסע אויסמעסטונג: — אט א די רעדע בלייבט איהם, בעת ער שטייט פנים אל פנים מיט דער קאמיסיע, שטעקען אין האלז, און ער פערפאהרט מיט דער צונג, ווי מענדעלעס קליאטשע ,קיין בויבעריק, און ווייסט שוין בכלל נישט, וואס ער האט צו זאגען... און דא קומט נאך, צו אלע צרות צו, די סקארבאווע שאלה פון דעם פארזיצער פון דער קאמיסיע: „וואס נאך האט איהר צו זאגען, אויסער דעם רעקורס?“ — מה נאמר ומה נדבר? — וואס ווייסט שוין איצט דער ארימער צאהלער צו זאגען — די טרעמע האט איהם געכאפט אויפ׳ן גאנצען זיכער, בעלעבעטשעט ער נאר מיט דער צונג, שרייבט אונטער עפעס א פאפיר וואס מ׳רוקט איהם אונטער (דעם פראטאקאל פון דער זיצונג) און איז צופרידען, אז ער קאן וואס שנעלער ארויסקומען .

אבער דאס איז נאך נישט דאס ערגסטע. ערגער א סך איז, אויב די קאמיסיע־מיטגלידער הויבען אן שטעלען פראגעס, וואס זיי זענען בערעכטיגט צו טון לויט די פארשריפטען פון דער שטייער־ארדינאציע — דעמאלט בעקומט אפט דער שטייער־צאהלער אזא פנים, ווי יענער, וואס איז געקומען מאהנען ירושה און מען הייסט זיך ביי איהם בעצאהלען קבורה־געלד און ער בעט דעם רבונו של עולם, אז ער זאל זיך, וואס שנעלער ארויסבעקומען פון דער מצודה און איהם מציל זיין פון די קאמיסיע־מיטגלידער, וועלכע ווילען איהם -- ווי איהם דוכט זיך — „נעהמען אויפ׳ן האטשעק“...

אט אין אזעלכענע פאלען שטעקט די געפאהר, פאר דער פערטיידיגונג פונ׳ם ענין אין דעם „פערזענליכען צושטעלען“ זיך, פון דעם פעראינטערעסירטען צאהלער! עס איז א בעוואוסטע זאך אז די אייגענע אינטערעסען קען מען צום ערגסטען פערטיידיגען. איבעריג וועט א דריטע, בעפולמעכטיגטע פערזאן, א סך רוהיגער און זאכליכער פערטיידיגען א׳ענין, ווי דער בעל־דבר אליין, וועלכער קען איבער דער זאך, וואס איז איהם בלויז נוגע, קיינמאל נישט רוהיג און זאכליך פערהאנדלען. עס מוז דאס טון א זייטיגער מענש, פאר וועמען דער ענין איז נישט „קערפער“, נאר „העמד“...

נאך דעם אפגעבען פון זיינע „מונדליכע ערקלערונגען“, [illegible], על פי רוב פון 3, ביז 5 מינוט, געהט דער צאהלער, נאכדעם, ווי ער האט אפגעווארט עטליכע שעה אויף זיין רייה, אהיים ווארטען אויף דער דעציזיע, וועלכע עס שיקט איהם צו דער אמט נאך... איניגע חדשים (פריהער האט דאס געדויערט 6, 7, 8 חדשים, איצט, אז עס געהט שנעל דויערט עס 3—4 חדשים) און אט אזוי ענדיגט זיך די זעלבסט־פערטיידיגונג פון א שטייער־ענין.

גרויסע געווינסטע

פאלען אין לאדז שטענדיג אין דער גרעסטער קאלעקטור פון

ג. יאטקא

פיעטריקאווער 22
פיעטריקאווער 66
נאוואמיעסקא 1

וואו עס זענען לעצטענס ווידער געפאלען פיל געווינסטען צו

א.א.וו. 50.000, 10.000, 5.000 זל.

פערזוכט אייך שוין מיט א לאס צו דער 1־טער קלאס!

P. K. O. 63.910.

בריפליכע בעשטעלונגען ווערען זאפארט ערלעדיגט!

געוו. לאוניק קוק קלאגט די פאמיליע פון זיין פרוי

וועלכע האט איהם פאלש בעשולדיגט, אז ער האט פערסמט זיין פרוי

ווי בעקאנט איז די פרוי פון געוו. לאוניק קוק מיט א צייט צוריק פלוצלונג געשטארבען פון א הארץ־שלאג, די פאמיליע פון דער פרוי, קורין האט דאמאלס זיך געווענדעט צו דער פראקוראטור מיט אנ׳אנקלאגע, אז קוק האט פערסמט זיין פרוי, כדי צו בעקומען איהר פערמעגען, וועלכעס זי האט מיטגעברענגט פון דערהיים, די פראקוראטור האט דאן פעראָרדענט אדורכצופיהרען אנ׳עקסהומאציע פון טויטען קערפער פון דער פרוי קוק, דאס איז טאקע געשעהען און נאכ׳ן אויפגראבען דעם קערפער האט דער געריכטס דאקטאר הורוויטש פעסטגעשטעלט, אז ס׳איז נישט פערהאן קיין שפור פון סם און אז די פרוי איז ווירקליך געשטארבען פון א הארץ־שלאג, די אויספארשונג געגען געוו. לאוניק קוק איז דעריבער דעמאלס אנולירט געווארען. איצט האט דער געוו. לאוניק קוק אנגעקלאגט די פאמיליע קורין פאר פאלשע בעשולדיגונגען.

א גנב — א דזשענטעלמען

ס׳איז נישט קיין אפערעטקע פון יודישען טעאטער

(א) דעם 6. יוני ה. י. האט א גנב אויסגעלעדיגט די וואוינונג פון א געוויסען וולאדיסלאוו וויעך (בעדנארסקא 11), צונעהמענדיג מיט זיך פאר אנ׳ערך 450 זלאטעס פערשידענע זאכען — דאס גאנצע ביסעל האב און גוטס פון וויעך׳ן...

דער דאזיגער וויעך איז געווען אנ׳ארימאן אין 7 פאלעט, און אזוי ווי ער האט די לעצטע צייט נישט געהאט קיין ארבייט, האט ער געלעבט פון פערקויפען די רעשטלעך מלבושים, וואס ער האט נאך פערמאגט.

אז מען האט זיך אבער אויף דעם מוחל געווען און, צוגענומען ביי איהם די זאכען, איז ער געבליבען, ווי מ׳זאגט, יאק סטאי...

האט וויעך ארומגעזוכט נעבעך דעם גנב, און — והילד איננו — דעם בחור איז געווען נישט צו געפינען.

ויהי היום, אויפ׳ן דריטען טאג אבער, נאך דעם, ווי די גנבה האט פאסירט, איז צו וויעכ׳ן אין שטוב אריינגעקומען א שייגעצל און געבראכט איהם צוריק זיין פעקעל זאכען.

דאס שייגעצ׳ל האט נאר געבעטען, ער זאל דאס פעקעל קוויטירען...

צום פעקעל איז געווען צוגעלייגט א בריוועל, אין וועלכען דער גנב האט אויפגעקלערט, אז ער האט די גנבה ביי איהם אדורכגעפיהרט על פי טעות. ער האט געמיינט, דער גנב, עמיצענס אנדערש, און בעגנב׳עט האט ער גאר אנ׳ארימאן, וואס עס פערדריסט איהם זעהר, און קעהרט דעריבער אום צוריק די גנבה, ער בעט נאר ארויסצוגעבען איהם א קבלה־קוויטעל, ווייל ער איז נישט זיכער צי דאס שגצעל וועט נישט צואייגענען זיך די זאכען...

דאס שייגעצעל האט דרך אגב געזאגט וויעכן, אז דער, וואס האט איהם געגעבען די זאכען שטייט אין א טויער אויפ׳ן באלוטער מארק און ווארט אויף דער קוויטונג.

דער דאזיגער וויעך געהער, ווייזט אויס, צו דעם מין מענשען, וואס האלט פון דער שיטה „פאזשאנדעק מושי ביטש“, האט ער מיטגענומען א פאליציאנט, איז אוועק צום אנגעוויזענעם טויער, און מ׳האט דעם איידעלען גנב ארעסטירט. ס׳האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער בעל דבר הייסט יאן לארענטאוויטש, איז 34 יאהר אלט, און האט נישט קיין בעשטימטען וואוין־ארט.

נעכטען איז ער געשטאנען פאר׳ן שטאטישען געריכט, וועלכער האט איהם, מחמת די מילדערענדע אומשטענדען, פערמשפט אויף א האלב יאהר טורמע, און אפגעלייגט דאס אויספיהרען פון דער שטראף.

Dr. med. J. IMICH

ספעציאליסט פאר האלז־, נאז־ און אויערן־קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

MONIUSZKI 1, tel. 209-97

פאבאר־רשימה פון יאהרגאנג 1915

(א) מארגען, שבת, דעם 5־טען דארפען זיך שטעלען צו דער פאבאר־רשימה אין מיליטער־ביורא אויף פיעטריקאווער 165 די מענער פון יאהרגאנג 1915, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פון 1. קאמיסאריאט מיט די פאמיליעס, וואס הויבען זיך אן מיט די אותיות:

S Sz T U

און פון 7. קאמיסאריאט – מיט די אותיות:

L Ł M N

מ׳דארף מיט זיך מיטברענגען א פערזענליכען דאקומענט און א רעגיסטראציע־שיין.

צוגאב־פאבאר־קאמיסיע

(א) מאנטאג, דעם 14. ד. ח. וועט אין לאקאל אויף פעטריקאווער 165 אמטירען א צוגאב־פאבאר־קאמיסיע פאר פ. ק. או. לאדז־שטאט 1.

עס דארפען זיך מעלדען די יונגעלייט פונ׳ם יאהרגאנג 1914 און עלטער, וועלכע האבען זיך לעת עתה נישט צוגעשטעלט צו א מיליטער־איבערזיכט, האבען נישט רעגולירט זייער מיליטער־פליכט, וואוינען אויפ׳ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 פאליציי־קאמיסאריאטען און האבען בעקומען נאמענטליכע אויפפאדערונגען פון דער לאדזשער שטאטישער סטאראסטווע.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען:

לייוועפער (פריהייט־פלאץ 2), הארטמאן (מלינארסקא 1), דאניעלעצקי. (פיעטריקאווער 127), א. פערעלמאן (ציגעל גאס 32), צימער (וואלטשאנסקא 37), וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקי 27).

פארן עובר זיין

אויפן קאלעקטיווען אפמאך

(א) דאס קרייז־געריכט האט היינט אלס אפעלאציע־אינסטאנץ בעטראכט דעם פראצעס פון דער פירמע „פ. זילבערבערג“ פאלודניאווא 52) וועלכע איז בשעתו פערמשפט געווארען פאר׳ן נישט צופאסען זיך צום קאלעקטיווען אפמאך מיט די ארבייטער — אויף אומבעדינגטען ארעסט.

דאס געריכט האט נעכטען ארויסגעטראגען פאלגענדען אורטייל: פישעל זילבערבערג — 1 חודש אומבעדינגטען ארעסט, אהרן־לייב זילבערבערג — 4 וואכען ארעסט, און שייע געלבארטאוויטש — 2 וואכען ארעסט.

א זעלבסטמארד

(א) אויף פעטריקאווער 224 האט זיך, מחמת ליבע־ענטוישונג, געסם׳ט מיט עסיג־עסענץ די 22־יאהריגע דינסטמיידעל קאטאזשינא אולאשיק. פאר גאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין ראדאגאשטשער שפיטאל.

פאר „חסד־של־אמת“

פרוי נ. ב. שפענדעט פאר׳ן רבי׳ס תלמוד־תורה 10 זל. און פאר „חסד־של־אמת“ 10 זל. דאס געלד איז אפצונעהמען אין דער אדמיניסטראציע פון „ניייעם פאלקסבלאט“.

קלאנג־קינא־טעאטער

ZACHĘTA

זגערזשער 26.

פון היינט ביז׳ן 8־טען ד. ח.

גרויסער פילם פון פוילישער פראדוקציע א. נ.

Przeor Kordecki

אין דער הויפט־ראל

K. ADWENTOWICZ

אנהויב פון די סעאנסען 5.30 נאכמ.
שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג.

פראטעסטע אין דער וועלט
געגען נירענבערגער אנטי=יודישע געזעצ[...]

אנקעטע פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור צווישן בעריהמטע פוילישע געלעהרטע, שריפטשטעלער און מלוכה=מע[...]

וו א ר ש ע (יט"א). די יודישע טעלעגראפען אר גענטור פיהרט דורך אין צוזאמענהאנג מיטן שמערצ ליכען אפקלאנג און גרויסער פערביטערונג צוליב די אז. גער. נירענבערגער געזעצען, אנ'אנקעטע צווישען פארשטעהער פון דער פוילישער אינטעלעק טועלער וועלט כדי צו ברענגען צום אויסדרוק די שטעלונג פון דער אויפגעקלערטער פוילישער עפענט ליכער מיינונג לגבי די דאזיגע געזעצען.

די אנקעטע פון דער יודישער טעלעגראפען אגענ טור נעהמט ארום העכער 30 פיהרענדע פוילישע פערזענליכקייטען אויף די געביטען פון וויסענשאפט, קונסט און פאליטיק.

די ערהאלטענע ענטפערס וועלען לויט דער רייה פערעפענטליכט ווערען.

דער בעקאנטער פילאזאפישער פארשער טא־ דעאוש קאטארבינסקי, פראפעסאר פון דער ווארשא־ ווער אוניווערזיטעט א.נ. פון מארשאל פילסודסקי שרייבט אין זיין ענטפער:

„מיינע פראפעסיאנעלע פליכטען מאכען מיר אונ מעגליך צו בעארבייטען אנ'אויספיהרליכען ארטי־ קעל וועגען דעם ענין, און איך בעגרעניץ מיך בלויז דעריבער צו דער ערקלערונג אז איך פיהל מיט מיט די מענשען, פאר וועלכע די דאזיגע געזעצען מוזען זיין אנ'אונגעוועהנליכער שווערער קלאפ, דאס איז אבער א קלאפ נישט בלויז פאר זיי, נאר אויך פאר די אלע, וועלכע שטרעבען צו זעהען דעם צוזאמענ לעבען פון מענשען מיט אנ'אייראפעאישער קולטור געבויט אויף אנדערע פרינציפען: אויפ'ן פרינציפ פון אלגעמיינער פערברידערונג, אל־ געמיינער סאלידאריטעט אכטונג פאר מענש־ ליכער ווירדע און אינדיווידועלע רעכט. ווערען דע־ גראדירט אהן פערזענליכער שולד, ווערען אנערקענט אלס פרעמדער דורך דער געמיינשאפט, צו וועלכער מען פיהלט זיך צוגעבונדען, נישט האבען קיין רעכט צו חתונה האבען מיט דעם, וועמען מען בע געהרט, טראץ דעם געפיהל פון אויסשליסליכער לי־ בע, דערוויסען זיך (ווייל עס וועלען זיין אונגעזעצ־ ליכע קינדער, פערבאטענע מישלינגען), אז מען איז, אין אנבליק פון די געזעצען און פאטערלאנד און אהן אייגענער שולד, אנ'אונלעגאלער אינטרוז, דאס זענען די מאראלישע אומגליקען, וואס האבען זייער מקור אין די נייע געזעצען. כ'קען נישט פער־ שטעהען פארוואס עס זאל פערלאנגען אזעלכע גרוי סע ליידען פון מיטמענשען די אונאפהענגיגקייט פון א געזעלשאפט וועמען דער דאזיגער זעלטענער

אין זיין בולט'קייט געוואלד־אקט דארף דינען... א שוידער רופט ארויס דער געדאנק, אז די נירענבער־ גער געזעצען וואלטען געקענט ווערען א ביישפיל פאר עהנליכע געזעצען אויך אין אנדערע לענדער. בעסער זאלען זיי שוין בלייבען — ביז דעם מא־ מענט ווען די צוקונפט וועט זיי אויסמעקען פון קא־ דעקס — אנ'איזאלירטער ביישפיל דערפון וואס קיי־ נער ווע ט נישט וועלען נאכטון".

דער בעקאנטער פסיכאלאג פראפ. וולאדיסלאוו וויטוויצקי שרייבט אין זיין ענטפער:

„ווי תמיד, אזוי אויך אין דעם פאל, פיהל איך מיט מיט ליידענדע מענשען. צו מאכען ריין־יורידי־ שע בעמערקונגען האב איך נישט קיין צוגרייטונג, נישט זייענדיג קיין יוריסט, צו מאכען פאליטישע בע מערקונגען האב איך נישט קיין רעכט אלס מלוכה' שער בעאמטער, און וועגען דעם, וואס עס דענקט

[...] איבער דער פראגע די אויפגעקלערטע עפענ[...] [...]יינונג קאן געוויס נישט זיין קיין שום ספק".

קורץ און שארף ענטפערט דער בעריהמטע[...] רורג און פארזיצער פון דער ליגע „ליגע פאר[...] שען־רעכט", פראפ. זיגמונט ראדלינסקי.

„איך קען נישט אנווענדען צו מענשען קיי[...] צוכט - זאאלאגישע דענק - קאטעגאריעס".

דר. סטיפען וויז וועגען די נירענבערגער געזעצען
דער יודישער וועלט-קאנגרעס דארף איניכעז ווערען א ווירקליכק[...]

נ י ו י א ר ק, (יט"א). דר. סטיפען וויז, וועל־ כער איז לעצטענס געוועהלט געווארען אויף דעם אמט פון פארזיצער פון קאמיטעט פון די יודישע דעלעגאציעס האט אין א לענגערער ערקלערונג פאר פרעסע פארשטעהער בעריהרט אויך די נירענבערגער געזעצען, דר. סטיפען וויז האט ערקלערט צוו. אנד.

אין איצטיגען מאמענט געפין איך זיך אונטערן רושם פון די נירענבערגער געזעצען. איך ווייס — איך דארף נישט ווערען איבעראשט. איך האב עס א־ ליין פאראויסגעזעהען און געווארענט די דייטשע דע לעגאטען אויפן ציוניסטישען קאנגרעס: איהר קענט

פערמאכען מיר דאס־מויל, אבער איהר וועט נישט אפ האלטען - די מעשים פון היטלעריזם. און דאך, ווי ווייט מען זאל נישט זיין צוגעגרייט, קומט דער אקט פון נירענבערג ווי א טראגישער קלאפ, נישט ווילענ דיג, מוז מען ווידער אמאל פרעגען: וואו איז די ציר־ ווילעזירטע וועלט? ווי אזוי קען זי צוזעהען גלייכ־ גילטיג די פערברעכענס איבער מענשען, וואס האבען געלעבט אין א לאנד טויזענד יאהר? פארוואס קען זיך די ציוויליזירטע וועלט איינשטעלען אין שוץ פון אביסיניען און זיך נישט שטעלען אין שוץ פון א

פאלק וועלכען זי האט פיל, פיל מעהר צו [...] קען?

איבערגעהענדיג צו דער אלגעמיינער [...] לאגע, האט דר. סטיפען וויז ערקלערט: די [...] לאגע אין דייטשלאנד, פוילען רומעניען און [...] לענדער פאדערט. פון קאמיטעט פון יודישע [...] ציעס, אז ער זאל ווידער פערנעמען יענע [...] וועלכע ער האט פערנומען גלייך נאך דער [...] דאס קען געשעהן בלויז דעמאלט ווען די פ[...] הער פון אמעריקאנער און אייראפעאישע יוד[...] לען ארבייטען קאארדינירט און הארמאניש. [...] האב געפיהלט אז איך מוז איבערנעהמען דע[...] זיץ אמט פון קאמיטעט, כדי צו העלפען קא[...] רען די פאליטישע יודישע ארבייטען פון ביי[...] טען ים. דער קאמיטעט פון יודישע דעלע[...] מוז זיין אונזער פיהרענדע קערפערשאפט [...] וועט זיך צונויפקומען דער יודישער וועלט־קא[...] מיר האפען אז דער וועלט קאנגרעס וועט א[...] ווערען א ווירקליכקייט, נאך קיינמאל האבען [...] דען אין אייראפע נישט געפיהלט אזוי ווי אי[...] דראנג און נויטווענדיגקייט צו קאארדינירען [...] דישע אקציעס, ווייל קיינמאל זינט די בלוטי[...] פון דער וועלט־מלחמה איז די יודישע לאגע [...] ראפע נישט געוועזן אזוי טראגיש ווי היינט־[...] יעדער ציוניסט און נאציאנאלער יוד פיהלט[...] אז דער יודישער וועלט קאנגרעס איז געווארע[...] וואלדיגע נויטווענדיגקייט. ביז אבער דער [...] קאנגרעס וועט זיך צונויפקומען מוז דער קא[...] פון יודישע דעלעגאטען זיין אונזער פער[...] פאר דער וועלט.

צום סוף האט דר. סטיפען וויז זיך געטיי[...] זיינע איינדריקען פון א"י און האט בעטאנט [...] וואס ער האט געזעהען נאך 18 יאהר אפווע[...] איז א נס פון אויפבוי, וואס ברענגט כבוד [...] דישען פאלק.

בעקאנטמאכונג.
שוין אנגעקומען צום הערבסט און ווינטער=סעזאן
הערן=היטען
דער גרעסטער אויס-
וואהל פון די שענסטע
און מאדערנסטע
HÜCKEL און אנד. פון די נייעסטע פאסאנען און קאלירען אין דער גוט-בעקאנטער פירמע
Wolf Belchatowski
12 פיעטריקאווער 12, טעל. 216-59.
ביליגע קאנקורענץ פרייזען! — רעעלע בעהאנדלונג!
בעמערקונג: אונזער פירמע בעזיצט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער-סעזאן א גרויסען
אויסוואהל פון זעמטליכע פעלץ=ווארען צו ביליגע פרייזען.

אלע בעלגישע יודען איניג אין קאמף
געגען נירענבערגער נאצי-גזירות

(פון אונזער קארעספאנדענט)

מ. י. נירענבערגער

אזא יודישע מאניפעסטאציע האט נאך בעל־ גיען נישט געזעהען!

דאס איז געווען דער אורטייל פון די אלע וואס האבען געזעהען דעם מיטינג אין בריסעל, וואס איז ארגאניזירט געווארען דורכן בריסעלער אנטי־נאצי קאמיטעט, דאנערשטאג אוונד דעם 26 סעפטעמ־ בער. נישט־יודישע זשורנאליסטען וועלכע האבען ביוגעוואוינט דעם דאזיגען מיטינג זענען צו מיר עטליכע מאל צוגעקומען פרעגען, וויפיל יודען ברי־ סעל פערמאגט — אזוי איבערראשט האט אלעמען די צאהל פון די אנוועזענדע! עס וואלט קיינער פרי הער נישט געגלויבט, אז א יודישע פערזאמלונג אין בריסעל איז מסוגל צוצוציהען אזא גרויסען עולם!..

עס זענען געקומען יודען פון אלע ריכטונגען — פון אלע קלאסען. עס זענען געקומען אזעלכע אסימילירטע יודען, וואס דאס ערשטע מאל אין זייער לעבען איז זיי אויסגעקומען זיך צונויפצוטרע פען מיט יודען אויף א פערזאמלונג: יודען וואס שפי לען א ראל אין דער בעלגישער פאליטיק, יודען וואס פערנעהמען ערטער אין דער ארמעי, אין די פינאנ־ סען, — די איינפלוסרייכסטע יודען, וואס בעלגיען פערמאגט!

אגב, איז דער בריסעלער אוונד געווען די ער־ שטע איינהייט - מאניפעסטאציע צווישען די איינ־ געבוירענע בעלגישע יודען און די איינגעוואנדערטע יודען פון מזרח אייראפע, אזוי, למשל, איז דער פארזיצער פון מיטינג געווען נישט קיין אנדערער ווי פראפעסאר דר. מאקס גאטשאלק, דער בעלגישער פערטרעטער ביים אינטערנאציאנאלען ארבייטס־ אמט, א מענש, וואס האט שוין אמאל פערנומען דעם מיניסטער אמט פון רעגירונגס קאמיסאר צום קאמף מיט דער ארבייטסלאזיגקייט, און וועלכער איז נאך היינט דירעקטאר פונם אינסטיטוט פאר סאציא לאגיע „סאלוועי", א חוץ איהם זענען ארויסגעטרע טען: פראפ. מארים פיליפסאן, דער פארזיצער פונם בעלגישען ועד הקהלות, א זוהן פונם פערשטארבע נעם פראנץ פיליפסאן — א וויכטיגער מקורב למל־ כות; מאנפרעד לעווי, א לייטענאנט פון דער בעלגי־ שע ראַרמעי, א מלחמה העלד, וואס האט זיך אויסגע צייכענט ביי די גרויסע שלאכטען ביי ליעזש, איי־ נער פון די וויכטיגסטע טוער אין דער ארגאניזאציע פון די בעלגישע קריגס - קעמפער; דער בעלגישער רב הכולל דר. יוסף וויענער, פון „אונזערע" יודען זענען ארויסגעטרעטען: דער בריסעלער רב סאגא־ לאוויטש, מאקס פאדליאשוק, פרעזידענט פונם קא־ מיטעט פון דער בריסעלער ציוניסטישער ארגאניזא־

ציע, און אדוואקאט דר. אריה קובאוויצקי, דער איינגענטליכער ארגאניזאטאר פונם מיטינג, פרעזי־ דענט פון בריסעלער באיקאט קאמיטעט.

די רעדע פון פראפ. דר. מאקס גאטשאלק

מיט א לענגערער רעדע האט געעפענט דעם מי־ טינג דר. מאקס גאטשאלק צוו. אנד. האט דער רעד נער ערקלערט:

„יודען און נישט־יודען זענען איצטער גלייך אויפגעבראכט געגען די אומדערהערטע נירענבער גער געזעצען מיר וואלטען געקאנט ברענגען אהער — אויף דער דאזיגער טריבונע — פיהרער פון אלע בעלגישע פארטייען, וועלכע האבען אויסגעדריקט זייער ווילען ארויסצוטרעטען געגען דעם נאצי באר באריזם, ווארים אין אונזער לאנד וואס איז א לאנד פון טאלעראנץ, ווערען בירגער נישט געטיילט אין קאטעגאריעס צוליב זייער אמונה, שפראך אדער וועלטאנשויאונג, די דאזיגע ברייטע טאלעראנץ איז דער יסוד פון דער עקזיסטענץ פון דער בעלגישער מלוכה.

„ווי געזאגט, מיר האבען געקאנט ברענגען א־ הער די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען אין דער בעלגי שער פאליטיק, — מיר וועלען עס נאך איינגיכען טון ווייל מיר ווילען זיי געבען די געלעגענהייט אויסצו־ דריקען זייער פראטעסט, דאס מאל אבער האבען מיר געוואלט אפהאלטען א ריין יודישע מאניפע־ סטאציע כדי צו דערמאנען די יודען זייער פליכט — און כדי צו ווייזען דער וועלט, אז אונז אלע, — אויב מיר זענען נאר יודען — ריהרען די גזירות אן פערזענליך...

„זאל מען וויסען אז מיר זענען נישט געקו־ מען אהער לשם מאניפעסטאציעס, מיר זענען געקו מען זאגען, אז מיר וועלען נישט רוהען, ביז דאס גע־ וויסען פון דער וועלט וועט האבען בעזיגט דעם רע־ זשים, וואס איז א צוריקקעהר צום בארבאריזם"!

יודען שווערען!

א ריהרענדער מאמענט איז געווען די שבועה. דער רב הכולל וועלכער האט גערעדט מיט א שווא־

כער שטימע און מיט טרעהרען אין די אויגען, האט נעמליך אין א געוויסען מאמענט אויסגערופען, אז יודען זאלען אויף דער פערזאמלונג אפגעבען א שבועה צו קעמפען מיט דער נאצי־משוגעת פער־ שטעהט זיך, אז דער דאזיגער רוף איז אויפגענומען געווארען מיט בענייסטערטע אפלאדיסמענטען.

א שטארקע רעדע האט אויך געהאלטען הרב סעגאלאוויטש. לייטענאנט מאנפרעד לעווי און פרע זידענט פאדליאשוק. ה' פאדליאשוק האט פערלאנגט פון די פערזאמעלטע אז זיי זאלען מאכען א חשבון הנפש וועגען זייערע מעשים, — זעהען, צי זיי הא־ בען דערפיהלט זייער חוב אין דעם דאזיגען חייל־ גען קריג..

א טיפע רעדע האט געהאלטען פראפ. מארים פי ליפסאן „דאס פראבלעם פון די דייטשע יודען"— האט אויסגערופען דער גרויסער בעלגישער יוד — איז היינט די דאגה פון דער גאנצער מענשהייט, א־ בער מיר יודען טארען נישט פערלירען אונזער גלוי בען אין אונז אליין — אין אונזער צוקונפט, ווייל אין דער וועלט זענען מיר נישט, געקוקט אויף אלץ — עפעס אזוינס, וואס איז גרויס און אייביג.

„אנדערע פעלקער האבען געלאזען הינטער זיך קונסט אוצרות: מאנומענטען, פיראמידען, — דעם אקראפאלים; אונזער ירושה איז דער ספר הספרים.

„די עשרת הדברות זענען דער קאטעגארישער אימפעראטיוו פון דעם וועלט געוויסען; אונזער נביאות — דער נאך נישט פערווירקליכטער אידע־ אל פון א בעסערער מענשהייט, לאמיר טאקע געדענ קען אז די פאקלען וואס עס האבען אנגעצונדען אונ זערע אבות זענען דאס ליכט פון דער וועלט — „און ליכט וועט קיינמאל נישט ווערען פינסטער־ ניש" — האט געזאגט געטהע!"

צום סוף איז אנגענומען געווארען א רעזאלו־ ציע געגען די נייע דיסקרימינאציעס פון דייטשע יו־ דען, די רעזאלוציע איז אפגעשיקט געווארען צום פרעזידענט פון'ם פעלקער בונד.

בכלל האט די מאניפעסטאציע וואס איז די ער־ שטע יודישע אחדות - מאניפעסטאציע אין בעלגיען געמאכט א שטארקען רושם אין דער בעלגישער ע־ פענטליכקייט. מען ערוווארט דא, אז די אנטי־נאציס־ טישע ווירטשאפטליכע אקציע וועט זיך איצט אנהוי בען מיט א נאך גרויסען פערנעהם.

פראטעסט פון שוועדיש[...]
יודענטום
געגען די נירענבערגער געטא=גע[...]

ש ט א ק ה א ל ם, (יט"א). די יודישע [...] אין שטאקהאלם, געטעבארג און מאלמא הא[...] מיינזאם ארויסגעשיקט צום פארזיצער פון ד[...] קערבונד פערזאמלונג דר. בענעש א פראטע[...] פעשע געגען די נירענבערגער געטא־געזעצען. [...] פעשע לויטעט:

ווי אלע רעכט־דענקענדע מענשען אין דע[...] זענען די יודישע קהלות אין שוועדען טיף [...] טערט צוליב די נייע יודען געזעצען אין דייט[...] אין האדץ פון אייראפע ווערט איצט אויפגערי[...] מיטעלאלטערליכע געטא מיט אלע זיינע [...] ליכקייטען, די צוזאמענארבייט פון פעלקער [...] ליגיעזע קהלות איז בעדראהט צושטערט צ[...] דורך דער איינפיהרונג — צום ערשטען מאל [...] געשיכטע — פון ראסען־פרינציפ אלס רע[...] פאקטאר אין לעבען פון די פעלקער. די ק[...] געגען די יודען אין דייטשלאנד שטעלט א[...] די גאנצע רעכטליכע וועלט ארדנונג. דער [...] בונד וואס זיין ציל איז צו שטיצען פרידלי[...] מענארבייט צווישען די פערשידענע פעלקער [...] אויפהויבען א וואראנענדע שטים געגען אזעל[...] צען, עס טאר נישט געבראכט ווערען אל[...] די עמאנציפאציע פון יודען, וועלכע איז א[...] די דערגרייכונגען פון דער מאדערנער וועל[...]

אמעריקאנער „ארט" פרא[...]
מירט א האלב-מיליאן ד[...]
קאמפיין

נ י ו - י א ר ק (יט"א) דער פארזיצער פ[...] ריקאנער „ארט" ד"ר העני מאסקוויץ ה[...] געגעבען אנ'ערקלערונג, אז אין קורצען ו[...] הי פראווינגטע שטאטען פראקלאמירט ו[...] האלב־מיליאן - דאלאר קאמפיין פארן [...] בראש פון קאמפיין וועט זיך שטעלען דוד [...]

Dr. med.
[...]adokierski
כירורג פון צייהן און יאס[...]
[...]rkowska 164 tel. 114-20
צאהנקלעקעהרט

עשיכטע פון יודען אין לאדז

ון די ביז צום היינטיגען טאג געבליבענע צעך־
, קען מען בעקומען א געוויסען איבערבליק
ר דער נאציאנאלער סטרוקטור פונם צעך. די
טער ליסטע פון 1826, דערמאהנט נאר צוויי
אליכע מייסטערס (פרידריך טום און יאקוב פלא
טש) און 13 יודישע מייסטערס. דער נאמיניר־
,,סטארשי'' פון שניידער צעך סטאניסלאוו סקאל
פיגורירט בכלל נישט אין דער ליסטע פון די
ר מייסטערס, צום סוף פון די 20 יאהרען און
אין די 30 יאהרען, קומט פאר אנ'אינטענ־
איינשליסונגס פראצעס פון קריסטליכע מיי־
ם אינם צעך. אויף 30 פריש־איינגעשריבענע
ערס, ביז סוף 1840, זענען געווען 11 יודען,
1 קריסטען. די יודישע מייסטערס זענען על פי
ג'ארטיגער עלעמענט (4), אדער צוגעקומענע
ארומיגע שטעט (3 פון לוטאמירסק, צו איינ־
פון זגערזש, טושין, אלעקסאנדער און דא־
צווישען די קריסטליכע מייסטערס האט די אי־
ג דער עלעמענט מיט דייטשע פאמיליען־נע־
ועלכע זענען אנגעקומען, סיי דירעקט פון אויס
סיי פון די ארומיגע אינדוסטריע שטעט, ווי
, פאביאניץ וכדומה, וועלכע האבען צוגלייך
רן איינגעזאפט אין זיך די שטראמען פון דער
ר אימיגראציע און האבען שפעטער א טייל
ט דער אימיגראציע צוריק אפגעגעבען לאדז.
אהר 1840 פיגורירען אינם צעך־בוך כמעט
ודישע פאמיליען־נעמען און נאר 2 קריסטליכע
זייט יאהר 1841, האבען שוין קריסטליכע פא
נעמען אנ'אבסאלוטע איבערוואג. און אין דעם
ן־בוך, הייבען די קריסטליכע נעמען שוין אן
צו זיין, זייט 1830, פון דעם דאזיגען פאקט
ען אלזא ארויסדרינגען אז דאס וואס אמאל
ענדיגערער אנטייל פון קריסטען אין דער שניי
אין די 40ער יאהרען איז נישט געווען בלויז
יוצא פון דער אויסלענדישער אימיגראציע,
איך טיילווייז א רעזולטאט דערפון, וואס צו
ניידער פאך האבען זיך גענומען אויך עלעמענ
ן דער שטאטישער קריסטליכער בעפעלקערונג.
ר ארײנדרינג פון קריסטען אין דער שניידע־
מלאכה איז נישט פארגעקומען אהן קאמף און
נגען, וואס זענען זיי געמאכט געווארען מצד
וינע יודישע שניידערס. וועלכע האבען פער־
זייער פאזיציע גענען יעדען מין אינוואזיע
עמדע עלעמענטען, סיי קריסטען, סיי יודען,
ון דעם גראנגעל מיט דער קריסטליכער קאנ־
איז די פאזיציע פון די יודישע שניידערס
א פיל שוואכערע, ווייל די קאנקורענטען זיי־
ען נעשטיצט געווארען פון דער שטאטישער
און מסתמא אויך פון דער ארטיגער, דייטשי־
עפעלקערונג, וואס איז געווען א זעהר ערנ־
יענטעלע. בעזונדער בולט זעהט זיך ארויס די
עניע פון'ם קאנקורענץ־קאמף און דעם ענין פון
ן שניידער געזעלען בלאק. בלאק, וועלכער איז
ינגע יאהר ,ארײנגעקומען אין קעניגרייך פון
גרויס פירשטענטום ארבייטענדיג אין די בע־
ימע שטעט, ווי ווארשע, קאליש, און לענ־

א געהיימער, יודישער שניידער־צעך אין לאדז

פון ד"ר פ. פרידמאן

(נאכדרוק פערבאטען)

טשיץ'', איז אין העלפט 1834 אנגעקומען קיין לאדז מיט דער כוונה זיך דא אויף שטענדיג צו בעזעצען, גענען דעם האט ארויסגעטראגען א אנקלאג, אין נאמען פון די לאדזער שניידערס, יוסף לעווקאוויטש, דער לאדזער בירגערמייסטער, וועמען די פאוויאט מאכט האט איבערגעגעבען דעם אנקלאג, האט בלאק'ן ווארעם אונטערגעשטיצט און איז ארויסגעטרעטען מיט שארפע פארוואורפען גענען די יודישע שניידערס.

,,זייט איניגע יאהר — שרייבט דער בירגערמייסטער אין זיין ראפארט פון 18 יולי 1834 — ציהען די שניידערס פון משה'ס גלויבען רווחים פון ארבייטען, וואס זיי בעקומען פון פאבריקאנטען, וועלכע האבען זיך אין א בעדייטענדיגער צאהל אין אונזער שטאט בעזעצט — אויב ווידער דארף מען איינעם אנערקענען, אז ער איז א מיטעלמעסיגער מייסטער, א דאנק וואס ער האט געהאט אומגעהויערע הכנסות — און דאדורך זענען אפט די איינוואוינער אויסגעשטעלט געווען אויף הזיקות — ווי דאס טרעפט זעהר אפט, אז א חוץ די בעדייטענדיגע לוינען, בעמיהען זיי זיך נאך צו פערדינען פון אלערליי מקורים. אזא איינצעלנער יוד איז געפעלען געווארען צו האבען פראפיטען און נעבען איהם, אויך אנדערע — הגם זיי ווייסען גאנץ גוט, אז נאר זיי אליין נעהמען ארום אלעס, וואס עס קען נאר זיין ריווח פון דער דאזיגער פראפעסיע''. נאך די מסירות אויף געמיינע ארבייט און אויסנוצונג פון דער קליענטעלע דורך די יודישע שניידערס, בעשרייבט דער בירגערמייסטער ווייטער דעם ענין בלאק: ,,נאכדעם ווי די איינוואוינער האבען זיך איבערצייגט וועגען דער נויטיגקייט פון בלאק'ס ארבייט ווי אויך וועגען דער ביליגקייט און עהרליכקייט זיינער, האבען זיי בכלל אויסגעמיטען די יודען און גיבען ביי איהם צו ארבייטען זייערע בגדים. דערפון אלזא, דערנעהמט זיך, וואס דער פראפיט פון יודען האט געליטען א מפלה, און דערפון דערנעהמט זיך אויך דאס, וואס איינער פון זיי האט דערלאנגט אנ'אנקלאג... וואס אנ'אמת האבען די יודען פערלאנגט אז איך זאל פערביטען בלאק'ן צו ארבייטען — וואס איך האב זיי מינדליך אפגעזאגט'') בפרט נאך — אז איך זעה די אלגעמיינע צופרעדינהייט פון די איינוואוינער, ווי אזוי אלזא קען די שטאט רעזיגנירען פון א מענש, וועלכער איז פאר אלעמען אזוי בעקוועם בעת ווען גאנץ אפט האט נעטראפען אז בכדי צוצושניידען א בגד, האבען די היגע שניידערס געמוזט פאהרען ערשט קיין זגערזש פון וואס עס זענען ארויסגעקומען אפטע אנקלאגעם''...

א געוועהנליכער קאנקורענץ־גראנגעל, איז דורכן לאדזער בירגערמייסטער פונאנדערגעבלאזען געווארען צו א נאציאנאלען קאנפליקט, און דאס הפנים, בכדי בעסער צו קענען ערצילען דעם פערלאנגטען רעזולטאט. מיט דער מעטאדע האט מען זיך איבריגענס מער ווי איינמאל בענוצט אין לאדז גראד אזוי ווי מען האט זיך מיט איהר בענוצט אין אנדערע ערטער פון קעניגרייך אין אמתען אבער האט דער קאמף צווישען בלאק'ן און די יודישע שניידער נישט געטראגען דעם כאראקטער פון א נאציאנאלען, אדער אמונה־קאמף נאר האט געהאט א ריין עקאנאמישען אונטערגרונד, אלס בעווייז דערצו קען דינען בלאק'ס פערהאלטען זיך, לגבי די יודישע שניידערס, אין די שפעטערדיגע יאהרען, בעקומענדיג אין 1834 אנ'ערלויבניש אויף צו בעזעצען זיך אין לאדז און צו פיהרען זיין מלאכה, האט זיך בלאק שנעל ארויפגעשלאגען אויף איינע פון די הויפט ערטער אין זיין פאך און האט בעקומען חשק צו געזעלשאפטליכע שטעלונגען און כבודים. ווען עס זענען, אין 1839 פארגעקומען די וואהלען פון ,,סטארשעס'' אין שניידער צעך, האט בלאק, אנ'אומצופרידענער, פון דעם אויסגאנג אפגעגעבען א רעקלאמאציע גענען די וואהלען, און אין דער רעקלאמאציע זיינער האט ער פערלאנגט, אז די וואהלען זאלען ערקלערט ווערען פאר אונגילטיג, ארגומענטירענדיג דערמיט, וואס די וואהלען זענען פארגעקומען אהן די יודישע מייסטערס. אויף וויפיל מ'קען ארויסדרינגען פון די ארכיוואלע מאטעריאלען האט דעמאלט עקזיסטירט א שטילער אפמאך צווישען בלאק'ן און די יודישע מייסטערס, בכדי אדורכצופיהרען עפעס בשותפותדיגע צילען אין דעם שניידער־צעך.

קורץ דערנאך האט בלאק דערגרייכט דעם ציל פון זיינע כוונות און ער איז געווארען ,פאדסטארשי'' פון שניידער־צעך אין לאדז. אויף דער דאזיגער שטעלונג זיינער איז איהם אויסגעקומען נאכאמאל ארייננצופאלען אין קאנפליקט מיט די יודישע שניידערס אין 1843, האט איינער פון די יודישע שניידער אפגעגעבען א אנקלאג גענען דעם עלטסטען־אמט פון דער שניידער ־ פערזאמלונג, וועגען מיספרויכען. אפשלאגענדיג דעם אטאק, איז בלאק ארויסגעטרעטען מיט א סענסאציאנעלער רעוועלאציע, דהיינו: ער האט אנגעקלאגט די יודישע שניידערס אז זיי האבען — אויסער דעם אפיציעלען שניידער צעך — אויסגעהאלטען געהיימען יודישען שניידער־צעך, בלאק'ס אינפארמאציעס האבען אלארמירט די מאכט. עס איז אונטערגענומען געווארען אנ'ענערגישע אויספארשונג, וועלכע האט פעסטגעשטעלט אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטע אומשטענדען. דער אויסזאג פון א סך עדות — על פי רוב יודישע שניידערס — וועלכער האט בעשטעטיגט די עקזיסטענץ פון'ם געהיימען צעך, האט צוריקגעפיהרט, ביזן יאהר 1839,, וואס שליסט אבער נישט אויס, אז דער יודישער צעך האט עקזיסטירט, נאך אין די פריהערדיגע יאהרען, מען קען משער זיין, אז די ארגאניזאציע פון יודישע שניידערס וועלכע ווערט דערמאהנט אין די אונז שוין בעקאנטע פעטיציע פון 1818, און וועלכע האט זיך בעצייכענט מיטן נאמען שניידער צעך, איז געווען דער פונדאמענט פון דעם שפעטערדיגען געהיימען יודישען צעך, צוליב דעם אבער, וואס עס פעהלען מאטעריאלען, קען מען דאס נישט מיט דער גאנצער זיכערקייט פעסטשטעלען.

אין דער שפיץ פון דעם געהיימען יודישען שניידער־צעך, זענען אין 1843, געשטאנען: יעקב וואגאווסקי, צדוק גלופטשינסקי, וועל איזראעלאוויטש און שמשון ליבערמאן. יעדער יוד, וועלכער האט גע וואלט ווערען א שניידער אין לאדז, האט געמוזט צאהלען איינשרייב געלד אין דעם געהיימען, יודישען צעך מיט דער אינקאסא האבען זיך בעשעפטיגט 7 יודישע שניידערס, צוויי פון זיי: צדוק גלופטשינסקי און משה חיים נאטליב, האבען געפיהרט א נאטיץ־ביכעל אין העברעאיש. לויט דעם אויסזאג פון די עדות, האט דאס איינשרייב געלד בעטראפען פון 12—24 גילדען. אלע מסירות גענען דעם עלטסטען אמט, צי גענען דעם אומערלויבטען אויפהאלט אין לאדז פון פרעמדע שניידערס, זענען הפנים ארויסגעגאנגען פון דעם געהיימען צעך. די צילען און אויפגאבען פון דעם יודישען צעך זענען געווען עהנליכע צו די אויפגאבען פון אפיציעלען שניידער־צעך. דער צעך האט געהאט א אייגענעם ספר תורה און האט אויסגעהאלטען די יתומים נאך פערשטארבענע, ארימע שניידערס.

די אין דער אויספארשונג אויסגעהערטע געהיימע צעך אנפיהרער האבען זיך נאר טיילווייז בעקענט צו די זיי געמאכטע פארוואורפען וועגען געהיימער טעטיגקייט. אין זייער פערטיידיגונג, האבען זיי אפגעגעבען אז זיי האבען געגרינדעט א געזעלשאפט נאר בכדי איינצוקויפען א ספר תורה, וועלכעס זאל זיין פאר דעם שניידערישען מנין ווייל די איינציגע ספר תורה, וועלכע האט צו יענער צייט זיך געפונען אין לאדז, איז נישט גענוג געווען פאר אלע לאדזער יודען. די ספר תורה, וועלכע איז איינגעשאפט געווארען דורך דעם צעך, איז געווארען אויסגעהאלטען דורך מרדכי בארנשטיין און יואל בעלקער, וועלכע האבען גענומען פון אלע שניידער וועלכע האבען בעקומען עליות ביי דעם ספר, צו 3 גראשען א וואך. דאס געלד, וואס איז אויף דעם אופן געשאפען געווארען איז געווען בעשטימט פאר דעם פאכטער פון דער ספר תורה, וועמען מען האט געצאהלט 200 פוילישע גילדען יעהרליך, (פאר אויסהאלטען א ספר־תורה האט מען געמוזט אפצאהלען א געוויסען שטייער אין מלוכה־אוצר, און דער שטייער איז גראד, ווי אלע אנדערע שטייערען אפגעגעבען געווארען אין א־רענדע צו פריוואטע אונטערנעהמער). לויט דעם אויסזאג פון די צעך אנפיהרער האט מען יעדעס יאהר אויסגעוועהלט א ,ראש'' וועלכער האט די פאנדען צו גענומען און געמאכט אויסגאבען און דער רב האט די רעכענונגען קאנטראלירט.

כאן שוין מיט מזל געהען!...

ען, ווינשט מיר מזל טוב !
וואס איז דער מזל טוב ? איהר מיינט, אז
מיר ארויס א ,,פאטשעשאיאנצע'' געווינסעל
ער לאטעריע? אז איינע פון מיינע בוגרותן
אונה געהאט ז'מילאשטשי? צי מיין פלוניתטע
טלאפען מיט מיין פשיאטשעל ? אך ס'איז
אס ערשטע, נישט דאס צווייטע און נישט דאס
אי, וואס איז דער מזל טוב ? ס'קומט מיר א
, ווייל... איך קאן שוין מיט מזל געהען!...
ט עפעס סתם געהען אין דער וועלט אריין —
סאווע'' געה איך! איך געה, לויט די ,,עשרת
'' פון פוס־פערקעהר. כ'געה מ'רוג ל'רוג.
ויף דער ליניע: די אויגען געווענדעט צו
רינגענט'' מיטן שטעקעלע. אויפן טראטואר
איבערג ,,נאפראוואַ''. כמו שכתוב. אזוי ווי
ט בפירוש אין די צעהן געבאט אין דער
ושאנדזעניע''.
ט איז מיר שוין וואויל. יעצט געה איך שוין
סאווע'', אבער וואס פאר א צרות, האב איך
ביז די ,,תורה'' איז מיר אריין אין קאפ א־
אם ווייסט איהר, וואס איך האב מיך אין משך
לעצטע עטליכע לעקציע־טעג אנגעליטען, א
ויט, מ'נעהמט א יוד א בן שישים, פון דער־
ע טעכטער, וואס ,,מאזשען'' טאג און נאכט
ה־דרעגנגלעך, נעהמט מען אזא ,,קילד'' און
איהם געהן...
יך געה ווי תמיד, ארויס פון גאס. זעה איך
ווייטען טראטואר מיינעם א בעל חוב, וואס
איהם שוין ארום חדשים לאנג, קלעהר איך
נג און לאז מיך אריבער אויפן צווייטען טרא־
ין ווי איך שטעל אראפ א פיס, הער איך
קול'' :
,,ווראטש'' !
וידער איך קוק מיך אום שטעהט נעבען מיר
ציאנט נעהמט מיך אן פאר די האנד, פיהרט
רפתנו צוריק פון וואנען איך בין געקומען.
איך איהם :
פאניע וולאדזא, וואס איז דאס ? וואס שלעפט
ך עפעס צוריק ? כ'האב חוטא ב'עגל געווען?
יין איהר האט נישט חוטא ב'עגל געווען, נאר
'פיסעל געווען, איהר געהט נישט ,,פשעפי־
וואס ? מ'געהט שוין פשעפיסאווע אויך ?

א לאדזער יוד רעדט זיך אראפ פון הארצען

פון י. אבערזשאנעק

כ'ווייס אז גבירים עסען פשעפיסאווע, אבער געהן פשעפיסאווע — ס'ערשטע וואס איך הער, און וואס בעשטעהען די פשעפיסען?

נעהמט דער פאליציאנט און גיט מיר א לעקציע גייעכץ. קודם כל, זאגט ער, טאר מען נישט אריבערגעהן אין מיטען גאס, אייביג ביים רוג. אויפן טראטואר געהן אייביג רעכטס, און אנדערע חכמות.

איז מיר די גאנצע מעשה אין איין אויער אריין און פון צווייטען ארויס. אלדאס גיטס האב איך שוין נאר דאס פעהלט מיר. אויף דער עלטער זיך לערנען געהען. אז מ'איז אמאליגע צייטען נישט געגאנגען ,פשעפיסאווע'' האט מען נישט געלעבט ? האב איך טאקע פערגעסען די גאנצע מעשה, ארויס פון קאפ.

פלוצים זעה איך א צווייטען בעל חוב מיינעם, געב איך מיך א לאז מיט דער גאנצער פארע אויפן צווייטען טראטואר. איך בין שוין געווען אריבער די גרעניץ, פלוצים כאפט מיך עמיצער אן ביים קאלנער:

— ,,וורוטש'' !

— וואס איז שוין ווידער ?

— ,,פשעפיסאווא טזשעבא כאדזשיטש''.

ערקלערט מיר דער פאליציאנט און פיהרט מיך צוריק, איך זאל צוגעהען צום רוג.

טענה איך צו איהם:

—פאניע קאמענדאנטשע, וואס הייסט איך זאל צוגעהען צום רוג ? ,,פשעטשעזש טאם אידזשע מאי אניאל שמיערטשי, ניעך בענדזשע ווירוואני'' (דארט געהט דאך מיין מלאך המות, אויסגעריסען זאל ער ווערען...)

— ,,צא''? פרעגט מיך דער פאליצאאנט. ,,צא זא אניאל שמיערטשי?'' ,,צא זא ווירוואני?'' ,טשי פאן זווארישאוואל''?

— איהר הערט ? איך בין משוגע אז איך וויל פאקען מיינעם א בעל חוב, וועט ער זיך אוועקשטעלען אויף יענער זייט און ווארטען ביז איך וועל צוגעהען ביזן רוג, וועל איבערווארטען די טראמוואיען און די אויטאס כדי איך זאל איהם מאהנען דעם חוב.

האט עס געהאלפען ווי א טויטען באנקעס, איך האב איהם ערקלערט, אז דאס איז נישט שכלדיג, און ער איז געבליבען ביי דאס זייניגע: ,,פשעפיסאווע''.

האב איך טאקע געהאט צו זינגען און צו זאגען. נישט ווי נישט ווען, האב איך געהאט אנ'אנדערע האנד אויף מיין קארק. נישט ווי נישט ווען האט מיך אנ'אנדערער פאליציאנט געפיהרט ביים קאלנער, נישט ווי נישט ווען, האב איך געהערט אנ'אנדערען ,,וורוטש''. גאנצע טעג האט מען מיך געהאלטען אין איין פיהרען, געפיהרט אהין און געפיהרט צוריק. ביים רוג בין איך געגאנגען ווי אויף אייער. כ'האב מורא געהאט כ'זאל חלילה נישט שטעלען א פיס נאך דער גרעניץ. און טאמער האט זיך יא א פיס פערפלאנדזשעט מחוץ דער ליניע. האב איך געמוזט אנהייבען פון אלף. האב איך טאקע געהאט גרויס עגמת נפש. אט געהט ענטגעגען א סוחר, אפשר וואלט איך ביי איהם געקענט כאפען א פאר זלאטעם. שטעהסטו ביי דער זייט ים און קענסט נישט אריבער דו קוקסט זיך צו, ווי אויף דער צווייטער זייט שפאצירט זיך דיין ווייבעל מיט א בחור ,,דא פאכע'', דו ווילסט אריבערלויפען, מאכען איהר שווארץ שבת, אויסזידלען זי פון קאפ ביז פיס טא געה צו צום רוג, שטעל דיך אין אגאנעק, ווארט איבער די טראמוואיען און אויטאס. און ביז וואס ווען, וועלען זיי שוין זיין אין בויבעריק. נו פרעג איך אייך, קאן מען נישט פלאצען פון עגמת נפש?... דאס איז אלץ גוט געווען, אז כ'האב מיין ווייבעל נישט געזעהען מיט קיין בחור ,,דא פאכע'' און ווי וואלט געווען, ווען אפך זעה זי טאקע יא, און דא שטעה איך אויפן צווייטען טראטואר, נישט אהין און נישט אהער — מ'קאן דאך פלאצען פון עגמת נפש!...

דערפר האב איך טאקע געהאט א סאטיספאקציע פון די ,,פשעפיסען'', געהענדיג אזוי אויף פעטריקאווער גאס, בעמערק איך פון צווייטען טראטואר, מיין יודענע אזוי ווי ס'פעהלט איהר אייביג אביסעל ,,דראבנע'' האט זי נישט לאנג געטראכט און זיך א לאז געטון צו מיר.

זי איז שוין געווען אין מיטען וועג, שטעלט זי אפ א פאליציאנט :

— ,,וורוטשיטש פראשען!'

שטעלט זי זיך אוועק אין מיטען וועג און נעמט מיט איהם איינטענהן :

— ,,יא פשעטשעטש אידע דא מענזשא... יא פאטשעבאיע טראכען פארסי''...

— ,,צא טא מניע אבכאדזשי מאנזש, פארסי — וורוטשיטש!''

האט זי גערעדט טערקיש און גרעקיש, איך בין געשטאנען אויפן צווייטען טראטואר און אנגעקוואלען פון די ,,פשעפיסען''.

איצט אז איך קאן שוין די ,,תורה'' האב איך די ,,פשעפיסען'' איינגעפיהרט ביי מיר אין שטוב אויך. קומט דער ווירט, נאך דירה געלד, דורך דער קיך, ענטפערט מען איהם :

— פאניע גאספאדאזשו, איהר געהט נישט פשעפיסאווע, זייט מוחל און געהט דורכן פראנט, און אז ער געהט דורכן פראנט געה איך דורך דער קוך.

פערגנבעט זיך אמאל א שכן צו מיין יודענע, כאפ איך איהם אן פארן ווראטניק און גיב א געשריי:

— ,,וורוטש''! ס'איז נישט פשעפיסאווע''!

קומט דער סעקוועסטראטאר צו מיר מאכען א זאיענטשע, עפען איך אויף די טיר און זאג צו איהם:

— וורוטש פון וואנען דו ביזט געקומען!

אזוי געהט עס איצט ביי מיר אלץ ,פשעפיסאווע'', איצט קאן איך שוין די ,,תורה'' פון אויסוועניג. א חוץ דעם פערדינן איך גלאט יעדען טאג א שעהנע פאר זלאטעם פון די נייע פשעפיסען.

— ווי אזוי ?

— גאר פשוט :

יעדער ,,קרומער'' גאנג קאסט א זלאטי. און היות, ווי איך בין שוין א גאנצער פלי אין די פשעפיסאווע דינים, מאך איך קיינמאל נישט קיין פעהלען טריט, און אזוי ווי איך געה טעגליך אריבער די גאס מינדעסטענס א 25 מאל, האב איך טאג טעגליך א 25־גער זל. ריינעם ריוח. ביי היינטיגע צייטען פערדינען 25 זלאטעס א טאג איז נישט קיין קלייניגקייט...

הקיצור, איהר קענט מיר ווינשען מזל טוב. איך קאן שוין מיט מזל געהען ! ...

דער שטאנדפונקט פון קנעכ

פון לעאָ קעניג

ווי עס זעהט אויס ווערען אויך א סך יודען מרוצה מיט דעם אָפּאָרטוניסטישען שטאנדפונקט פון דער ענגלישער „טיימס" אז „ס'איז בעסער די נייע נאצישע געזעצגעבונג וועגען יודען, כאָטש זי האָט דעם שלעכטען ריח פון דער מיטעלאלטערליכע געטאָ אײדער די איצטיגע העצעס און כוליגאנישע אטאקעס אויף דער הילפלאָזער יודישער מינאָריטעט אין דייטשלאנד". דעם אמת געזאָגט, האָבען מיר ערווארט א געזונדערען קאָנסטרוקטיווערען שטאנדפונקט בנוגע דער וויכטיגער און טראגישער פאר דער גאנצער מענשהייט פראגע, מצד דער גרויסער ענגלישער קאָנסערוואטיווער ציימונג.

און ס'איז גענוג טרויעריג ווען ס'קומט אויס צו קאָנסטאטירען אז א גרויסער און איינפלוסרייכער טייל פון דער ענגלישער געזעלשאפטליכער מיינונג הויבט אָן וויזט אויס, מרוצה ווערען מיט א געזעצגעבונג וואָס שטינקט מיט געטאָ.

ודי בזיון וקצף! דאָס קען אונז נאָך אמאָל בעווייזען וואָס פאר א האָפנונגען מען קען לעגען אויף דער „קאָרעקטער" קאָנסערוואטיווער און פעראנטוואָרטליכער געזעלשאפטליכער מיינונג, וועלכע איז איצט בעשעפטיגט מיט מאָמענטאל וויכטיגערע פאָליטישע פראגען, אָבער ווען אויך יודען — און ווי מען שמועסט אויך איינפלוסרייכע אייראָפּעאישע יודען — שטעלען זיך אויף דעם שטאנדפונקט פון דער ענגלישער „טיימס" דאן מוזען מיר זאָגען אז אָך און וועה איז צו א פאלק וואָס זיינע פאָרשטעהער קענען האָבען אזא קנעכטישע פסיכאָלאָגיע.

בעסער א געטאָ געזעצגעבונג אבי שלאָגט אונז נישט; מאכט אונז פאר צווייט קלאסיגע בירגער, אבי לאָזט אונז אָנגעהן מיט אונזערע קרעמלעך, — דאָס איז נישט קיין שטאנדפונקט פון מענשען מיט ווירדע — יודען צי נישט יודען — נאָר פון קנעכט, פון מענשען וועלכע פערדינען טאקע אפשר נישט צו זיין ערשטקלאסיגע נאָרמאלע בירער.

„לאָזען זיי שוין מאכען פאר די דייטשע יודען בעזונדערע געזעצען, אבי שלאָגט זיי נישט און לאָזט זיי האנדלען און וואנדלען".

דאָס איז א שענדליכער קנעכטישער שטאנדפונקט פון וועלכען עס האָט שוין ביי אונז קיין זכר נישט געטאָרט זיין נאָך א יאָהרהונדערט קאמף און עמאנציפאציע זינען.

עס האָט נישט געטאָרט אפילו ביי אונז דערמאָנט ווערען אזא ‚שטאנדפונקט". און מיר ווילען זעהר שטארק צווייפלען. צי אפילו די אזוי געפרובטע מעהר הייט דייטשע יודען, האָט אָנגענומען דעם שטאנדפונקט, אויסער אפשר א קליין הייפעלע דייטשע ציוניסטען וועלכע זענען אזוי פערבלענדעט פון „זייער" ציוניזם און נאציאָנאליזם, אז זיי האָבען פערגעסען אז גלייכע בירגער רעכט איז דאָס נויטיגסטע אין אונזער יודיש לעבען, און אז א פאָלק פון צווייט־קלאסיגע בירגער קען נישט בויען א לאנד (ווי ס'האָט זיך דער ציוניסטישער ארבייטער פיהרער קאפלאנסקי, זעהר ריכטיג אויסגעדריקט אויפן ציוניסטישען קאָנגרעס, ליידער אָבער האָבען זיינע ווערטער קיין איינדרוק נישט געמאכט).

„בעסער א געטאָ געזעצגעבונג אײדער פּאָגראָמען". דאָס איז א שטאנדפונקט פון קנעכט. ווייל פרייע מענשען מיט ווירדע ווייסען נישט פון אזא „בעסער". אָט דער שענדליכער „שטאנדפונקט" דערמאָנט, אגב, אָן נאָך א קנעכטישען און מיאוסען שטאנדפונקט פון די ציוניסטען (ווידער אמאָל די ציוניסטען — וואָס געשעהט לעצטענס עפּעס אזיונס מיט זיי?) : „מען דארף בענייען דעם האנדעלס אָפּמאך מיט די נאצים, ווייל נאָר אזוי ארום וועט מען קענען ארויסראטעווען דאָס געלד פון די דייטשע יודען, וואָס ווילען עמיגרירען קיין פאלעסטינע ".

ר א ט ע וו ע ן ד אָ ס ג ע ל ד ! וואָס פאר א נאָבעלער שטאנדפונקט דאָס איז פאר א נאציאָנאלער בעוועגונג, וועלכע שטרעבט אויפצולעבען פאָלק און לאנד' ראטעווען דאָס געלד פון די דייטשע יודען! און דעם כבוד, און די ווירדע, און די צוקונפט פונם פאָלק, לאָזען זינקען אין די טיפסטע און שמוציגסטע בעליידיגונגען, ר א ט ע וו ע ן ד אָ ס ג ע ל ד פ ו ן ד י ד י י ט ש ע י ו ד ע ן !

ראטעווען דאָס געלד פון די דייטשע יודען!— די ערגסטע אנטיסעמיטען וואָלטען נישט געקענט אויס קלעהרען א בעסערען „יודישען שטאנדפונקט", און דאָך איז דאָס געווען א רעאל פאָליטישער מאָטיוו אין דער „פאָליטיק" פון איינער פון אונזערע גרעסטע און מעכטיגסטע נאציאָנאלע פארטייען.

אָבער לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צו דעם נאָך פיל שענדליכערען און קנעכטישערען שטאנדפונקט במחילה : דעם שטאנדפונקט" אז „ס'איז שוין בעסער א געטאָ געזעצגעבונג אײדער סתם פּאָגראָמען".

אָט דער שטאנדפונקט איז נישט נאָר שעדליך און נישט ווירדיג, נאָר ער איז אויך אפילו נישט ב ע ס ע ר און פאלש.

איז א גרויסער ליגען: א געטאָ געזעצגעבונג שאפט נישט אָפּ קיין פּאָגראָמען נאָר גיט זיי א הכשר.

אויב מען קען נאָרמאלע בירגער מיט גלייכע און פולע בירגער רעכט בעליידיגען און פּאָגראָמירען, קען מען עס דאָך אודאי טון צו בירגער פון א נידעריגער מדרגה !

דאָס האָט אונז געלערנט די יודישע געשיכטע און דאָס לערענט אונז די מאסען פסיכאָלאָגיע בכלל, האָבען עס אונזערע קנעכט אין אונזערע אויסערליכע פריינד, פערגעסען?! די נאצי מאניאקעס ווילען אָפּשר אויף א פּאָר חדשים צייט אָפּשטעלען זייער פּאָגראָם פאָליטיק, כדי צו בערעכטיגען זייער נידערטרעכטיגע געזעצגעבונג, אָבער מיט זייערע געזעצען געבען זיי נאָר א אָפיציעלען הכשר אויף פּאָגראָמען און העצעס להבא... געגען זייערע יודען און יודען בכלל.

ווייל — געדענקט עס! — בירגער פון א נידעריגער מדרגה מעג מען דאָך אוודאי פּאָגראָמירען, בעליידיגען און אויסראָטען.

נישט רעדענדיג שוין פון די שווידערליכע פאָלגען וואָס אָט די נאצישע יודישע עזעצגעבונג, אינ'ם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט קען האָבען: די נאצישע מאָניאקעס האָבען געשאפען א פּרעצעדענט; ד
רודערטע און קראנקע אייראָפּע ־ וועט ביסלע
מרוצה ווערען און צוגעוואוינען זיך צו דעם ש
ליכען פּרעצעדענט.

און ס'קאָן קיין ספק נישט זיין אז ס'וועלע
נעפינען אזעלכע מלוכות וואָס וועלען די נ
נאָכטאָנצען אין דעם מיטעלאלטערליכען שדים־ט
אויב... מיר וועלען נישט שוין מאכען די ד
טעסטע און ווירקזאמסטע פּראָטעסטען געגען די
דע הערשער פונם איצטיגען דייטשלאנד !

וואָס זשע דארפען מיר שוין טון :
רופען פון יעדען יודישען הויז, און פון
יודישער אינסטיטוציע צו יעדען יודען פון א
בעצעהן צי אכצעהן מיליאָן יודען אז קיינער
זאָל נישט טון עפּעס, וואָס קען העלפען דעם א
גען ווילדען נאצי רעזשים.

דאָס איז א פראגע פון זייער מענשליכער
און פון דער צוקונפט פון זייערע אייגענע ק
און יעדער יוד וואָס האלט א שטיקעל דייטש
רה אין זיינע הענד — צי ער איז א באנקיר
קרעמער, צי א ציוניסט, צי א
ליסט — זינדיגט געגען גאנצען יודישען פאָל
גען מענשליכען פּראָגרעס, געגען זיינע אייגענ
דער און איז נישט ראוי צו זיין א נאָרמאלע
בערעכטיגטער בירגער פון זיין לאנד.

און ווייטער מוזען מיר שוין רופען צו ד
גרעסיווע שיכטען און קלאסען פון אלע פעלק
לענדער זיי זאָלען אונז העלפען באָיקאָטירען ד
צי רעזשים, ווייל די נאצישע געטאָ געזעצגעב
זייער ענין פונקט ווי אונזערער; ווייל די נאצ
געטאָ געזעצגעבונג איז נאָר דער ערשטער שר
א מעכטיגער רעאקציע, וועלכע וועט פיהרען
ראל צו א פערשקלאפונג פון ארבייטער, פונם
טום און איבערהויפּט צו א צוטיילונג פון דער
הייט אויף פערשידען־גראדיגע און פערשיד
סיגע בירגער. און צו יודען בכלל זאָגען מיר :
געדענקט אז אונזער ערגסטער שונא
עמלק !

מיין פערליבטקייט אין יודי

וואָס איז שפּראַך? — אין שול מיט אַ טלית'ל. — דעם פּאַרבערס פאלקס־ליד

(אַ קאַפּיטעל זכרונות) ● פון ד"ר ה. זשיטלאָווסקי

דאָס לשון פון א פאָלק מוז האָבען א וועלכען עס איז טיפערען און וויכטיגערען נאציאָנאלען בעטייט, די טעאָרעטיקער פון נאציאָנאליטעט רעדען וועגען דער שפּראך ווי וועגען א סימן פון דעם נאציאָנאלען זיין. א סימן איז אָבער א דרויסענליכע זאך. דער סימן פון א מויער קאָן זיין זיין פארב וואָס האָט גאָר נישט צו טון מיט דעם עצם פון דעם מויער. מען קאָן איהם איבערפארבען, דאָ דארף שטעקען עפּעס אניאינעווייניגסטע זאך. וואָס האָט צו טון מיט דעם נשמה לעבען פון א פאָלק, א פאָלק ליבט זיין שפּראך און אליין, וואָס זיין פאָלק שאפט אין דער שפּראך, נישט נאָר דעם אינהאלט, אויך דעם וואָרט־קלאנג.

איך בעמערק, אין זיך, אז אויך איך ליב יודיש.

איז מיר קלאָר געוואָרען אז אין מיין נשמה לעבט אזא געפיהל, פארוואָס ליב איך יודיש, בעת איך בין נאָך נישט אזא בריה אין דעם לשון, און אויסצודריקען א „מענשליכען געדאנק" אין איהם, קומט מיר טאקע אָפּטמאָל אָן היבש שווערליך ? איז דאָס די מוזיקאלישע שעהנקייט פון זיינע קלאנגען? אָבער איך וויל דאָ מיך אליין נישט נארען : רוסיש, העברעאיש און אויך דייטש קלינגען א סך־שעהנער אין מיינע אויערען, איז וואָס זשע דען ?

אין דער ערשטער צייט האָב איך נישט געהאט קיין קלאָרען ענטפער דערויף. נאָר זכרונות פלעגען אָנהויבען ארויפצושווימען, וואָס האָבען זיך איינגעקריצט אין זכרון נישט מיט זייער אינהאלט, נאָר מיט זייער שפּראך.

אָט זעה איך מיך, א זיבען־יעהריגען יונגעלע, דער זיידע משה האָט מיר נאָר וואָס געבראכט א מתנה — א קלייניגקע עטרה'לע, ער האָט געזאָגט אז דאָס איז פון ארץ ישראל און אז אין ארץ ישראל דאַוונען אלע יונגעלעך, ווי נאָר זיי ווערען בר־מצוה, אין אזעלכע זיידענע טליתים'לעך.

איך האָב נישט געוואָלט ווארטען, ביז בר מצוה, האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט ווען מען האָט נישט געקוקט אויף מיר, געכאפּט דעם טלית'ל און אנטלאָפען אין גרויסען בית מדרש אריין.

ס'איז געווען זייגער עלף־צוועלף ביינאָג. קיינער איז אין שוהל נישט געווען. נאָר א פארבער איז מיטן פנים ארויף געלעגען אויף אנ'אויפגעהאָנגענעם בריקעל אונטער דעם קימפּעל פון דער בימה און האָט דאָרטען אויסגעמאָלט אין א קרייז די מזלות.

איך האָב געפונען א סידור אָנגעטון דעם טלית, ווי א גרויסער און גענומען שטילערהייט דאַווענען ביי א בענקעל אין מזרח (דער עמוד איז געווען צו הויך).

פלוצלונג דערהער איך, ווי דער פארבער, — אנ' אלטערער, בעהיגער יוד, — זינגט זיך ביסלעכווייז פאנאנדער, און צו מיינע אויערען דערטראָגען זיך די ווערטער פון א לידעל :

„מיט איהרע רויטע אייגעלעך און איהרע בלויע בעקעלעך" . . .

— וואָס זינגט איהר דאָרטען עפּעס ? — פרעג איך איהם. וואו האָט איהר געזעהען „רויטע" אייגעלעך און „בלויע" בעקעלעך ?

דער פארבער האָט זיך אויפגעהויבען א קוק געטון אויף מיר, און האָט געענטפערט מיט א שמייכעל:

— ווייס איך? א לידעל ! זינגט זיך אזוי ...

אָט האָבען מיר דאָך „משמעותיי, אויך פאָלקס־לידער, וואו עס זינגט זיך וועגען „בלויע אויגעלעך און רויטע בעקעלעך". פאר וואָס האָב איך זיי קיינמאָל נישט געהערט זינגען אין אונזער הויז ? האָט מען בכלל ביי אונז געזונגען וועלכע עס איז פאָלקס לידלעך? איך פרוב ארויסרופען אין זכרון אלע ברעקלעך זכרונות, וואָס זענען אין איהם פערבליבען וועגען דעם.

אָט איז דער שטאָט־משוגענער, ריכטיגער: א „געריהרטער" וואָס פלעגט קומען צו אונז עסען שבת, א פּאָר מאָל אין יאָהר. דאָס רוב פלעגט ער אריין מיט א ברייטען, פרעהליכען „גוט שבת"! אינמיטען וואָרעמעס, און מיר פלעגען אלע ווארטען ביים טיש, ביז ער פלעגט פארטיג ווערען מיטן עסען, אָפּגעגעסען, אָפּגעבענשט, פלעגט ער תיכף אויסהיסטען דעם האלז און זיך נעהמען זינגען:

אני ביער הלכתי,
קולות מעגפות שמעתי
איינע מאכט זים־זים־זים ,
די אנדערע מאכט ראָ־ראָ־ראָ
קול גדול ונורא.

דאָס משרת סאָסיע און דער זעגער זעליג שטעהען אין דער אָפּזעגער טיר און הערען, און סאָסיע ווינקט מיר צו איך זאָל איהם בעטען זינגען: „די קאָלדערטשקע". אָבער ווייטער, אײדער אָט דעם העברעאיש־יודישען ליד (פון וועלכען איך געדענק נאָר דעם ערשטען קופּלעט), איז דאָס נישט געגאנגען. טאטע־מאמע דארפען געהן אָפּרוהען, און איהם איז צייט אהיים.

האָט מיין מוטער ווען עס איז געזונגען א פאָלקס ליד ?

קיין זינגערין איז זי נישט געווען, אָבער איך געדענק, איך האָב געהערט פון איהר אמאָל דאָס קליין רוסישע ליד: „וויינט וויטרי" און נאָך עפּעס א זעהר טרויעריג רוסיש ליד, מיט א זעהר טרויעריגער יודישער מעלאָדיע, און מיט א גאנץ זיכער יודישען אינהאלט, ווייל איין פערז אין איהם האָט זיך געזונגען: „אי ביערנאהא ראווינא אני סהובי־אי־לי". („און דעם אָרימען רב האָבען זיי דער'הרגעט").

עס פערדריסט מיך איצטער באמת, וואָס איך האָב דאָס ליד נישט פערשריבען, אויף וואָס פאר א טראגעדיע אין אונזער לעבען האָט דאָס געקלאָגט? און פאר וואָס — אין רוסיש ?

קיין פאָלקס־לידער זינגען האָב איך אין אונזער הויז נישט געהערט, א חוץ א פּאָר בעקאנטע „קינדער־לידער („קומט דער ליבער זומער" און אנדערע), אויך דאָס נאָר פון די דינסטען.

אין הויז פלעגט מען זעהר אָפט זינגען ביים טיש. אָבער דאָס זענען געווען אָדער חזנישע זאכען, אָדער זמירות, (דער פאָטער און דער פעטער זיאָווע פלעגען דאָס איבערזינגען אריעס פון אָפּערעס, אָבער דאָס איז געווען נאָר דעמאָלט ווען קיין עלטערע פרומע מענשען זענען ביים טיש נישט געווען.

קאָן מען זיך פאָרשטעלען צום ביישפּיל, אז ביי אונזער טיש צו א „שלש סעודות" זאָלען אָט די אלע חשוב'ע פרומע יודען זינגען אין כאָר א וואָסער עס איז פאָלקס ליד, זינגען מיר טאקע: „קומט דער ליבער זומער" און דער רב, און דער שוחט און מיין פעטער מיכל זאָלען זיך פער'דביקה'ן אין :

„שווארצע קארשען רייסען מיר.
רויטע לאָזען מיר שטעהן,
שעהנע מיידלעך קושען מיר,
מיאוסע לאָזען מיר געהן".

עס איז גאָר לעכערליך ארויפצולאָזען אזא זאך אויפן געדאנק!

אין מיין שטרעבען ווידער צו דערמאָה
יענע יודישע רייד, וואָס לעבען ביי דעם גאנצ
אָדער אפילו אינדיווידועלע רייד, וואָס האָ
אין זייער גאנצען נוסח איינגעקריצט אין זכ
פאר מיר ווידער אויפגעלעבט געוואָרען א גא
שער מאטעריאל פון יודישע ווערטלעך, ברעק
לידער מיט זייערע מעלאָדיעס, וואָס איך האָב
הערט, ווי צ. ב. :

„וויטעבסקער קבצנים,
זאָגען צו די רייכע לייט :
צאָהלט זיך אויס די חובות,
זייט איהר מיט אונז שוין גלייך".

איך האָב מיך דערמאָהנט אן די קינדער
אין חדר, וואָס ווערען געפיהרט אין א בעש
נוסח, ווי צ. ב. :

„זאָל מיר ארויסגעהן, זאָל מיר ארויס
גילדערנע פאָהן! זאָל מיר ארויסגעהן, זאָל מי
געהן דער גילדענער הירש! "

אָדער די ברעקלעך פון די פורים שפּיל
זייער :

„איך בין דער מלאך פון גראָר,
די גאנצע וועלט איז אונטער מיר

אָדער די „עקדת יצחק" שפּיל, וואָס
יונגען האָבען אויפגעפיהרט אין א חורבה
בין אלט געווען א יאָהר זעקס.

דעמאָלט ווען איך האָב זיך געבראכען אי
זכרונות. האָב איך גאָר נישט געוואוסט אז ד
זיך פאָלק־לאָריסטיק, און אז אונזער פאָל
גראָד אין יודיש אָנגעזאמעלט א היבש ביסע
לאָריסטישע עשירות.

אָט דעם גאנצען מאטעריאל האָב איך
פערבייגעהענדיג פאר מיר איך האָב איהם בעטר
עסטעטיש איינהערענדיג זיך אין דעם אָפּקלא
זיי ברענגען ארויס אין מיין נשמה, און איך
שפּירט ווי אין מיר וואקסט זיך בפועל ממש
דער א צארטע ליבע אי צו אונזער פאָלק אי
לשון.

און עס האָט מיך געוואונדערט וואָס קיינ
דאָס נישט, קיינער פיהלט דאָס נישט (איך מ
ציעל, די ליבע צו דער שפּראך), עס איז ביי
דען רעכט, וואָס זיין שפּראך ווערט פערדאָר
זיינע אויגען, וואָס א ר ט איהם די שפּראך
ארט איהם די שעהנקייט בכלל ? „ריידעלע
דעלע, אבי דאָברע מיינעלע!" דע רעיקר איז
„תכלית !"

בעניטא מוסאליני

קיינמאל, פאר די 14 יאהר פון פאשיסטישען רע
אין איטאליען איז דער נאמען מוסאליני נישט
ען אזוי „פאפולער" אין דער וועלט, ווי גראדע
די לעצטע הדשים זינט איטאליען האט זיך גע־
ן מכין זיין צו דער אויסראטונגס - קאמפאניע
ן אביסיניען. דער דאזיגער איטאליעניש - אבי־
שער קאנפליקט דראהט צו פערוואנדלען זיך
אן'אלגעמיין אייראפעאישען קריג, אין א וועלט
און פון מוסאליני, פון זיין ענטשלוס ווענדט
איצט, צי זאל אייראפע, צוליב זיין אמביציע
מאכט־בעגעהר, אריינגעטריבען ווערען אין א
בלוטיגען כאאס, וועלכער וואלט נאך אפשר
ן שרעקליכער ווי דער וועלט קריג פון 1914,
דער קאנפליקט זאל אויסגעגליכען ווערען אויף
ידליכען אופן.
וסאליני האלט אלזא, קען מען זאגען דעם
פון אייראפע אין זיינע הענד.
'איז דעריבער כדאי זיך גענויער אפצושטעלען
דער פערזענליכקייט פון איטאליענישען דיקט־
אר, וועלכער איז פאקטיש געווען דער טאטע
פאשיזם אין אייראפע און אויף א ווייטע אפ־
ישען די ערינערונג אין געוויסע מאמענטען
פון זיין אייגנארטיגען לעבענסגאנג, פון זיין
שטייג און פון זיין גאנצער אויסטערלישער
ערע, וועלכע איז איינע פון די מערקווירדיגסטע
אין אונזער צייט פון „אומבעגרעניצטע מעג־
טען".

איל דוטשע" — דער דוכס, דער פיהרער —
רופט מען אין איטאליען דעם מאן, וועלכער
זיך איצט מיט אונזער וואויל און גליק, אזוי
איהם קליין און גרוים: די קינדער אין די שו־
דער פראפעסאר און סטודענט, דער סאלדאט
אליציסט, דער גאסען־קעהרער און דער קע־
ווי מ'ווייסט, האט מען אויך אין היטלער־
לאנד לויטן איטאליענישען מוסטער איינגע
דעם טיטעל „דער פיהרער").
רופט איהם אלזא, סתם „איל דוטשע", פונקט
זאגט „דער קעניג" אדער „דער פרעזידענט"—
נאמען. אפילו אין דער פרעסע טרעפט מען
דעם נאמען מוסאליני, אין די „קעפ" פון
טאליענישע צייטונגען שרייבט מען געוועהנליך
ערע פון דוטשע", „דער דוטשע אויף מאנעוו־
„דער דוטשע האט אויפגענומען דעם און
א.אז.וו. (אויך אין דייטשלאנד טוט מען עס
ון מען שרייבט נאר „דער פיהרער" אהן א
).
איטאליענער האלטן מוסאליניין פאר א נאפא־
אין דער פאליטיק, פאר עפעס א מין צעזאר,
ער אמתן אבער האט ער נישט אין זיך אבסא־
אר נישט קיין „הערואישעס", קיין „נאפא־
טעס". ער שטעהט וואס אנ'אמת לויט זיין
ליגענץ און זיינע נישט־געוועהנליכע פעהיג־
, מיט א שיינע פאר קעפ העכער פון געוויסע
עס" אין אנדערע לענדער, אבער ער האט
ר אבסאלוט קיין שמץ נישט פון דעם וואס
עצייכענען געוועהנליך מיטן ווארט „איבער־
, און נאר טאקע אין אזא צייט ווי אונזערע,
איז אזוי ארים אין גרויסע מענשען, אין
נדע גייסטער, אין מענשען פון זיטליכער
, און שעפערישער מאט, קענען נישט נאר
אליני נאר א סך קלענערע ווי ער, פראקלא־
ווערען אלס „העלדען" און „פיהרער". פון
נטוויקעלטע קולטור - פעלקער. דורך א איראָ־
ן שיקזאל— אדער ריכטיגער: דורך א איראָ־
פון דער געשיכטע — זענען די דאזיגע
מענשען — און קיין אנדערען נאמען קען
י נישט געבען — אוועקגעשטעלט געווארען
ר שפיץ פון אזעלכע לענדער, וועלכע האבען
ר אזוי צו זאגען מארשירט אן דער שפיץ פון
יוויליזאציע.
סאליני איז אהן ספק א גרויסער ארגאניזאטא
טאלאנט, א אונהיימליך אקטיווע נאטור, א
מיט א אומגעהויערען מאכט־ווילען, מיט ע־
און געוואלטיגע אמביציעס. אבער קודם כל
מיט א ווירקליך „איבערמענשליכער" חוצפה
ויסטיגקייט. דער פאשיזם, וועלכער איז איי־
ך זיין שאפונג, זיין „גייסטיג קינד" און וועל
אט גערינגט אלס מוסטער און „אידעאישער"
פאר ענליכע בעוועגונגען אין אנדערע לענ־
- דער פאשיזם באזירט, אויף אונטאלעראנץ,
אונטערדריקונג פון געוויסען און מיינונגס־
ט, אויף אוזורפאציע און דיקטאטור, אויפן
טישען פרינציפ אז „דער צוועק היילגט אלע
".
אזוי די דאזיגע געוואלד נאטורען און אונ־
כע מענשען האבען זיך געקאנט ארויפאר־
צו דער מדרגה פון פאלקס פיהרער — איז א
לאגיש רעטעניש, די פסיכאלאגיע פון די מא־
ז נישט צו דערגרונטעווען און נישט צו פער
פן: אט צעברעכען זיי זייערע געטער, גיליא־
ן זיי זייערע אונטערדריקער, פאר וועלכע זיי
געכטען געקראכען אין שטויב, און אט דער־
זיי ווידער די דאזיגע קראפט־מענשען צו
רדגה פון אפגעטער — פון א „דוטשע" אדער
נר".
דעם פעלקער־פסיכאלאגישען פענאמען האבן
זיגע דיקטאטארען צו פערדאנקען זייער ער־
און די פערעהרונג, וואס זיי געניסען ביי די
מאסען.

* * *

ארגארעטא סארפאטי, א זעהר פעהיגע איטא
ע זשורנאליסטקע און געוועזענע מיטארביי־
מוסאליניס בעת ער איז נאך געווען רעדאק־
פון סאציאליסטישען „אוואנטי" (פארווערטס)
כע מארגארעטא, ווי מ'האט זי נאך נישט לאנג
ן אין איטאליען — זי הייסט אייגענטליך
", איז א יודיש קינד און האט זיך ערשט

דער פאשיסטישער דיקטאטאר, וואס וויל א מלחמה פאר יעדען פרייז

פון ישעיה אונגער

מיט א פאר יאהר צוריק געשמדט. — האט מיט א פאר יאהר צוריק פערעפענטליכט א פאלקסטימ־ליכע ביאגראפיע מוסאליניס, וועלכע איז זעהר פאפולער און ווערט פיל געלייענט אין איטאליען.

פון דארטען נעהמען מיר ארוים איניגע ראטען וועגען מוסאליניס לעבען.

די סארפאטי שטעלט זיך אפ זעהר אויספיהר־ליך בעזונדערס אויף יענעם פעריאד פון זיין לעבען, ווען „אין דער שולע פון דער ביטערסטער נויט און פון א פערצווייפעלטען עקזיסטענץ קאמף" האבען זיך אויסגעבילדעט זיין כאראקטער, זיין וועלט־אנ־שויאונג און „די אייגענשאפטען פון צוקינפטיגען פאלקס־ פיהרער".

פון זינט מוסאליני איז געווארען א בעוואוסט־זיניגער מענש האט ער פון קיין ליכטיגען טאג נישט געוואוסט. יאהרען לאנג שלעפט ער זיך ארום איבער אייראפע אלס ארבייטסלאזער בראדיאגע, אין דער שווייץ פערדינט ער זיך זיין ברויט אלס גע־וועהנליכער ארבייטער ביי שטיינער טראגען אדער אנלאדען שווערע משאות אויף דער באהן. ער שלאפט אונטערן פרייען הימעל, אין גערטנער, אונ טער בריקען — און דאך האט ער נאך דא א מעג־ליכקייט ארויסצוגעבען סאציאליסטישע בלעטער. שליסליך טרייבט מען איהם ארוים פון דער שווייץ אלס ראדיקאל. אויך פון אנדערע לענדער פעריאגט מען איהם אלס רעוואלוציאנערען סאציאליסט. אין יאהר 1910, נאך אלערליי צרות און טלטולים און נאך א לאנגען הונגער ליידען קעהרט ער זיך אום צוריק קיין איטאליען וואו ער הויבט אן ארויס־צוגעבען דאס סאציאליסטישע וואכענבלאט „דער קלאסענקאמף", באלד מאכט ער זיך א נאמען פון איינעם פון די גלענצענדסטע איטאליענישע זשורנאליסטען, אויך אלס רעדנער ווערט ער זעהר פאפולער צוליב „זיין וואולקאנישען טעמפעראַ־מענט".

שליסליך ווערט ער לידער פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי און רעדאקטאר פון פארטיי־אר־גאן „אוואנטי". אומדערמידליך רופט ער די פראלע־טארישע מאסען צו א אקטיווען און א אנרעסיווען קאמף פאר דער מאכט און געגען דער בורזשואזיע. אלס סאציאליסט איז ער עקסטרעם־ראדיקאל, ער וויל נישט וויסען פון קיין שום קאמפראמיסען.

אין יאהר 1911 בעת איטאליען פערוויקעלט זיך אין קריג צוליב טונים, געהט מוסאליני אן דער שפיץ פון א מחנה דעמאנסטראנטען וועלכע פערהאלטען די צוגען מיט די מאביליזירטע סאלדאטען און בע־קומט דערפאר — עטליכע חדשים געפענגניש. אין יאהר 1912, בעתן צוזאמענפאהר פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי, לעגט ער פאר אויסצושליסען פון דער פארטיי די חברים פון רעכטען פליגעל, דער־ונטער איניגע פון די בעקאנטעסטע און אנגעזע־הענסטע סאציאליסטישע טוער ווי ביסאלאטי, באַ־נאמי, קעפריני, און פאדרעקא. זיין פארשלאג איז אנגענומען געווארען. איניגע פון זיינע עקסטרעם־ראדיקאלע חברים, וועלכע האבען געשטימט פאר זיין פארשלאג, האבען נאכדעם בעת ער איז געווא־רען דער פאשיסטישער דיקטאטאר פון איטאליען, געמוזט אנטלויפען קיין אויסלאנד, וואו זיי ריכטען היינט אפ גלות. מאנכע פון זיי, וועלכע האבען נישט בעוויזען צו אנטלויפען זיצען אין תפיסות אדער אויף די ליפארישע אינזלען.

בעתן אויסברוך פון וועלט קריג איז מוסאליני דער פערגעטערטער פיהרער פון פראלעטאריאט, תחילת איז ער אלס אויסגעשפראכענער פאציפיסט געגען קריג און געגען דער אריינמישונג פון איטא־ליען, ער שרייבט פייערדיגע ארטיקלען געגען דער קאאליציע און געגען דער מלחמה. באלד קומט פאר ביי איהם א „אינערליכער איבערברוך" א „פסיכי־שע מעטאמארפאזע" — ער שטעלט זיך אויף דער זייט פון דער קאאליציע און פאדערט איטאליענס בעטייליגונג אין קריג. עס קומט צו א קאנפליקט מיט די חברים — און ער ווערט ארויסגעווארפען פון דער סאציאליסטישער פארטיי. מוסאליני גרינ־דעט א אייגענע צייטונג, דעם „פאפאלא ד'איטא־ליא" און אונטערשטיצט די קריגספיהרענדע מלו־כות, ער אליין בעטייליגט זיך אין דער מלחמה — און קומט צוריק אלס שווער פערוואונדעטער.

באלד נאכן קריג בעתן אינערליכען כאאס אין לאנד, ווען די קאמוניסטען האבען בעקומען די אויבערהאנד, האבען פערנומען אלע פאבריקען און ארגאניזירט „סאוויעטען" — זאמעלט מוסאליני ארום זיך די אומצופרידענע, די פראנטקעמפער און אינוואלידען, דער עיקר אבער די יוגענד, די „לאַ־יאלע" טיילען פון דער ארבייטערשאפט און דעם מיטעלשטאנד און ארגאניזירט די פאשיסטען־פאר־טיי. מיט דער דאזיגער „ארמעע" ווענדט ער זיך גע געך די סאציאליסטען און קאמוניסטען, געגען די דע מאקראטען און ליבעראלען, געגען אלע, וואס וויל נישט זיין פאשיסטיש, ער אליין ווערט די נשמה פון דער בעוועגונג, אין יאהר 1922 קומט דער בער־ריהמטער „מארש אויף רוים" און דאן געהט שוין דער אויפשטייג געוואלדיג שנעל: מוסאליני ווערט פרעמיער — „דער רעטער פון איטאליען" — דיק־טאטאר „דער פערגעטערטער דוטשע".

אט אזוי שטעלט זיך פאר אין אלגעמיינע שטרי־כען מוסאליניס לעבענסגאנג און קאריערע, פילע פרטים און עפיזאדען פון זיין לעבען דערצעהלט די סארפאטי אין איהר בוך. איין זאך נאר האט זי נישט אויפגעקלערט: ווי אזוי איז דאס אזוי פלוצ־לונג און אומגעריכט פארגעקומען ביי מוסאליניין דער „אינערליכער איבערברוך". דער „רוק אויף רעכטס"? — ווי האט געקענט אזא פערברענטער סאציאליסט אזוי שנעל בייטען זיינע איבערצייגונ־גען ? —

דערויף געבען אונז אבער א קלארען ענטפער אנדערע ביאגראפען מוסאליניס, וועלכע ריכטען איצט אפ גלות: אז ער איז געווארן א פאשיסט, בכדי נקמה צו נעהמען אן די לינקע, אן די סאציאליסטען וועל כע ער האסט מיט אלע פיבערען פון זיין נשמה, נישט קענענדיג זיי מוחל זיין די בעליידיגונג וואס זיי האבען איהם ארויסגעטריבען פון דער סאציאליס טישען פארטיי.

* * *

מארגארעטא סארפאטי ציטירט אין איהר בוך א „ווארט" מוסאליניס וועלכער האט אמאל געזאגט:

— וואס וועל איך האבען פאר מיין ארבייט און מיין אויפאפפערונג ? — העכסטענס א דענקמאל; בייטאג וועלען פערברענגען ביי דעם דענקמאל קליי נע קינדער מיט זייערע „פריילינס" און אין אוונד וועלען דא ראמאנסירען פערליבטע פארלעך. א שיי נע פערספעקטיוו ! —

די נאאיווע מארגארעטא זעהט אין דער דאזיגער בעמערקונג מוסאליניס די רעזיגנאציע פון א פילא־זאף און פון א גרויסען פאטריאט וועלכער דער־פיהלט זיין „מיסיע" אהן שום אינטערעס אהן שום פערזענליכע פניה, נישט דערווארטענדיג קיין שכר פאר זיך. אין אמתן אבער, ווי יודעי חן זאגען, איז דאס איינער פון די פילע זשעסטען מוסאליניס, וועל כער איז אויסגערעכענט אויף א עפעקט. דער גרעס טער אקטיאר פון מאדערנעם איטאליען קען אויס־געצייכענט זיין פובליקום און ווייסט, מיט וואס מ'קען עס „נעהמען".

לעצטענס האט אנגעהויבען צו פאלען זיין חשיבות און אנזעהן ביי די מאסען, ווייל פאר די 13—14 יאהר פון פאשיסטישען רעזשים איז אויפן אויסען־פאליטישען געביט נישט מקוים געווארען קיין איינע פון די הבטחות וואס ער האט צוגע־זאגט, בכדי צו בערוהיגען „זיין פובליקום" האט ער זיך אנגעכאפט אן דעם קריג מיט אביסיניען, אין דער האפנונג אז פערגרעסערענדיג די קאלאניאל־מאכט איטאליענס וועט אויך ווידער שטייגען זיין פרעסטיזש.

א קריג, און דערצו נאך א קריג אין דעם „שוואר צען" ערד־טייל, ווייט פון דער היימאט, איז אבער א געפעהרליכע לאטעריע שפיל — און קען זיך א־מאל ענדיגען זעהר טרויעריג גראדע פארן „ציוויליזירטען" אנגרייפער...

איין שבח קען מען נאכזאגען מוסאליניין און דעם פאשיסטישען איטאליען : דער איטאליענישער פא־שיזם ווייסט נישט און וויל נישט וויסען פון קיין אנטיסעמיטיזם און ראסען - אונטערשיד; מוסא־ליני האט געשטעמפעלט דעם ראסיזם אלס שנעון און בארבאריזם.

די פראפעסיאנעלע ארבייטער־בעוועגונג אין פראנקרייך

(א בריף פון פאריז)

פון ארטור גאביד

אין פאריז איז פארגעקומען א פאקט וואס וועט האבען זיין אויסווירקונג אויך ווייט אין אויסלאנד. עס גייט דא וועגען דער פעראייניגונג פון דער ביז־איצט צושפליטערטער פראפעסיאנעלער בעוועגונג. די א.ג. ס. זש. ט. (קאנפעדעראסיאן זשענעראל די טראַ־וואי) דידאזיגע געשעהעניש בעט בלי ספק פערשטאר קען דעם פראנצויזישען אנטי־פאשיסטישען לאגער, דעם א.ג. פאלקס־פראנט, אין זיין קאמף געגען דע־לא־ראקס מחנות און בעווירקען פראנקרייכס אויסערן פאליטיק פאר דערהאלטען דעם בעדראהטען וועלט־שלום.

מיט 14 יאהר צוריק ד.ה. אין 1921 האט זיך די פראפעסיאנעלע קלאסען־בעוועגונג אין פראנק־רייך געשפאלטען אין כמעט צוויי גלייכע טיילען: אין א קליינע מעהרהייט — די ס.זש.ט. און א גרוי כע מינדערהייט — די ס. זש. ט. אי. די ערשטע האט זיך געפונען אונטערן אידעאלאגישען איינפלוס פון דער רעמאלט זעהר אפגעשוואכטער סאציאליסטי־שער פארטיי; די צווייטע — אונטערן פאקטישען פארטייאישען קאנטראל פון די קאמוניסטען און פון דעם א. ג. „פראפינטערן".

אין משך פון די יאהרען איז צווישען די צוויי צענטראלעס פארגעקומען א פערשארפטער ברודער־קאמף וואו עס פלעגט נישט זעלטען דערגיין ביז צו פיזישע ארויסטרעטונגען. האט אין ריכטונג דערקלערט א שטרייק, פלעגט די צווייטע איהם אנו־לירען, זענען שוין ביידע ריכטונגען (דורך א צו־פאל!) געגאנגען צוזאמען ביי געוויסע לוין־אקציעס האט מען באלד אויף צומארגענס, איינע די אנדערע שארף אנגעגריפען. חוץ מזה האט זיך אונטערן איינ פלוס פון די אומצופרידענע פון די ביידע צענטרא לעס, געשאפען א דריטע צענטראלע, די א.ג. „אוי־טאנאמע פעראיינען", אין וועלכע עס האבען זיך אנגעשלאסען גרויסע מאסען פון מלוכה־בעאמטע.

אין וואס האבען זיך אונטערשיידט די צוויי צוקריגטע צענטראלעס? קודם כל מיט זייער אויפ־פאסען די ראל און כאראקטער פון דער פראפעסיא־נעלער בעוועגונג. די פאר־מלחמה סינדיקאטען זענען געווען שטארק בעאיינפלוסט פון זשארזש פארעלס אנארכא־סינדיקאליזם, וואס האט אין דער ערשטער רייה ארויסגערוקט די לאזונג פון אומאפהענגיגקייט פון דער פראפעסיאנעלער בעוועגונג לגבי די פאלי־טישע פארטייען. די פעראייניען זענען אפאליטיש. זייער אויפגאבע איז צו פערבעסערען דעם מאטער־יעלען און גייסטיגען מצב פון ארבייטער. שטריי־קען האבען נאר זיי רעכט צו פראקלאמירען. מיט וואהל־אגיטאציע פערנעהמען זיי זיך נישט, ווייל דאס איז שווינדעל און סם פארן פראלעטאריאט, דערפאר זענען די סינדיקאטען אנטי־ מיליטאריס־טיש און פאציפיסטיש. אין פאל פון א קריג דער־קלערען זיי דעם א.ג. גענעראל שטרייק.

אט די אלע מאמענטען בילדען די הויפט פונק־טען פון סינדיקאלען פראגראם, וואס איז אנגענומען געווארען אויפן קאנגרעס אין אמיען אין 1906. א־בער דער אויסברוך פון קריג אין 1914 האט גע־שטעלט אונטער א פראגע־צייכען דער אנטי־מילי־טאריזם און גענעראל שטרייק־ טעאריע פון דער ס. זש. ט. דער אנארכיסטישער לידער זשואא איז גע־ווארען א הונדערט - פראצענטיגער פאטריאט, דער „לייב פון ס. זש. ט." אלבער טאמא — אנ'אמו־ניציע מיניסטער און וועגן א גענעראל שטרייק האט קיינער נישט געחלומט. דאס האט געשאפען טויזענ־טער אומצופרידענע וואס האבען באלד נאך דער מלחמה, געשאפען די אוניטארע ס. זש. ט. די צענ־טראלע פון דער רויטער פראפעסיאנעלער בעוועגונג אין פראנקרייך.

אבער די געשיכטע פון אט די לינקע פעראיינען בעוויזען, ווי מיט בלויז אומצופרידענקייט קען מען נישט בויען קיין סאלידען בנין. ביי דער שפאלטונג האבען די קאמוניסטען מיטגעריסען 800 טויזענד מיטגלידער. געקומען זענען זיי צוריק מיט 250 טוי־זענט. די ס. זש. ט. איז טראץ דער שווערער צייט פון דעפרעסיע געוואקסען פון 900 טויזענט צו איבער א מיליאן. אבער הוילע ציפערן קענען פערפיהרען; וויכטיגער איז די קוואליטעט פון די פעראיינען, וואס זענען געבליבען ביי די ביידע צענטראלעס. צו די לינקע זענען אין 1921 צוגעשטאנען די ריזיגע מעהרהייט אייזנבאהנער־סינדיקאטען, און שוין אין 1933 האט די ס. זש. ט. אי. נישט געקענט פיהרען אויף די אייזענבאהנען זעלבסטשטענדיגע אקציעס. ראסזעלבע איז געשעהן מיט די פאסט־בעאמטע, ראַ־קען־ארבייטער, פאריזער קאמונאלע אנגעשטעלטע און דרוקער, וואס זענען מאסענווייז אין די לעצטע יאהרען, אריבער צוריק צו דער רעפארמיסטישער ס. זש. ט.

די רעפארמיסטישע ס. זש. ט. איז געבליבען טריי דער אמיענער דעקלאראציע. בעפרייט פון לינקען עלעמענט האט די צענטראלע אונטער דער אנפיה־רונג פון זשואא זיך פעסט פערנקערט אין מלוכה אפאראט. מיט דער הילף פון קליינע אבער אנזע־העוודיגע רעפארמען, פערבעסערונגען, לויהן העכע־רונגען האט די ס.זש.ט. דעם באדען אונטער איהרע פיס פערפעסטיגט און געריסען שטיקער פון די לינ־קע פעראיינען, איבריגענס האט אויך די צייט איהר צוגעשפילט: ס'איז געווען דער פעריאד פון הויך־קאניונקטור.

אבער אנדערש איז געווארען מיטן אנקומען פון קריזיס די פאזיציע פון דער ארבייטער אריסטאקרא טיע די פאזע פון דער ס.זש.ט. האט זיך א וואקעל געטון. לוין־ירידה, בעגרענצונגען, ארבייטסלאזיג־קייט האט שטארק געטראפען אין דער רעפארם־אר־בייט פון דער פראפ. צענטראלע, די ברייטע מאסען זענען געקומען אין בעוועגונג און געפאדערט אק־ציעס. דערצו נאך היטלערס קומען צו דער מאכט און דער וואוקס פון פאשיזם אין פראנקרייך גופא האט אוועקגעשטעלט אויפן שארף פון מעסער, די פראגע פון פראפעסיאנעלער איינהייט.

די געשעהענישען זייט דעם 6טען פעברואר 1934 האבען דערנעהנטערט ביידע לאגערן. דער איינהייטס פראנט פון די סאציאליסטען און קא־מוניסטען און דער פאלקס פראנט זענען געווען וויכ טיגע עטאפען צו דער פאקטישער פעראייניגונג פון די ביידע צענטראלעס אין איין ס.זש.ט. וואס איז פארגעקומען דעם לעצטען פרייטאג בעת די דעלעגא טען פון יוניטערן קאנגרעס זענען אריינגעקומען אין זאל „מוטואליטע" וואו עס איז פארגעקומען דער קאנגרעס פון ס.זש.ט. אפיציעל הערט די ס.זש. ט.אי. אויף צו עקזיסטירען איהרע פעראיינען גיסען זיך צונויף מיט די רעפארמיסטישע סינדיקאטען, צו וועלכע עס שטייען אויך צו די „אויטאנאמע פער־איינען" וואס האבען ביז איצט נישט געהערט צו קיין שום צענטראלע. די נייע ס.זש.ט. בלייבט אין אמסטערדאמער פראפ. אינטערנאציאנאל.

ווי מען שמועסט דא, איז איינער פון די הויפט־שדכנים פון דעם צוקריגטען פארפאלק געווען דער צענטראל ראט פון די ענגלישע טרעד־יוניאנען. די פאריזער פעראייניגונג איז א שטאפעל צו דער אינ־טערנאציאנאלער פראפעסיאנעלער פעראייניגונג. צוב ארגאניזאציאנעלען צוזאמענגיסען זיך פון דעם 2־טען און 3־טען אינטערנאציאנאל. די פארשטע־הער דארפען זיך איינניכען טרעפען (נאך אנ'איבער רייס פון 16 יאהר־ געגענזייטיגען קאמף), וועגען בא טראכטען די מאכמיטלען פון קאמף קעגען קריגס־אוואנטורעס.

——=——

פערגעסענע גארבען

(חנדיש) — פון חיים יצחק בונין

— א. —

דער יתום האט פון דער אויגען-קליאטשע ארוים אזט א איינגעצויגענעם בליק, און האט איהם גע- ם פליהען אנטקעגען זיך אין א גלייכער ליניע א ווייטען ווייט שווימענדיגען רוים, אבער דעם פ האט ער מיט פולער ערנסט געצילעוועט, ווי א רונע, צו דער הויך, און גענומען זעצען לשון אין פורעמס פון זיינע אין זיך איינגעשלאסענע טרוי- ן:

ס'איז געווען אין א פערוואגעלטער נאכט, פון די מע פער'עקשנסטע גע ונד'ניצעס וואס בראדיען עמען צולהכעים אין דער סיי-ווי צופלוטעוועטער לט, וואס האלט דעם ווידעל אין מויל און לאזט ט קיינעם קומען צו זיך.

איז געווען די שטילקייט אזוי שטיקענדיג, דעם עם נישט צו כאפען. א שטיינער ס'וואלט שוין צען נישט געקלאפט קיין הארץ. קיין צווישטשערען א בליק דער אין טרויער צוגאסענע ערד. וואס מעל האט קיינער נישט צוגעווארפען קיין צייכען ןא בליק דער אין טרויער צוגאסענער ערד. וואס איז בעהעפט מיטן נאמען „לעבעדיג בעשאף" ט זיך געהאט פערשטעקט אין אבי וועלכען העק. א סך פערלאזטע טעג און יאהרען פערגעסענע צייט האב איך געזעהען אין מיין גע'גנב'עטען צען דורך היילען און מייזישע לעכער, אבער אזא פערעמטע נאכט האב איך נאך אין מיין לעבען ט אנגעטראפען, פון גרוים קלעם האט זי נישט אט קיין כוח אפילו ארויסצולאזען א פרייען, פול- עמדיגען זיפץ.

פון דער טיף פון דער נאכט האבען זיך אויפגע קעלט קנוילען וועהטאגען און פון זיי ארוים האבען ינע שווערע משונהדיגע עכאס פאראוים געזאגט אונהיימליכען מארגען. פאר מיינע אויגען האט אין הם געהוריעט — איך ווייס נישט פאר וואס און ר ווען — א בייזער גלוסט ביז גאר איבערצורייי ן דעם פאדעם, וואס שנורעוועט איהם מיט דעם נצען האק און פאק פון „היינט" און „נעכטען"...

* * *

בין איך געשטאנען געשפאנט און בשותפותדיגען עם מיט דער פערוואגעלטער נאכט, אבער דאס רץ אין מיר איז צושפרונגען פון אויסצוקוקען, פונ גען זאל עס געשעהן א טרייסט, וואס זאל ט פולען גלויבען און אימפעט מאכען אפגרונדרען מיט הימעל צוגלייך.

און אט ווי איך בין געשטאנען טיף פערהאקט, מיט אומגעזעהענע קייטען צוגעשמידט צום אויפגע- קוקטען טרייסט, האט פלוצלונג פון דעם טיפען שאר- טען זיך אויסגעשיילט מיר אנטקעגען א געשטאלט פון א וואסער-שעפערין. האט זי געשלייכט מיט דער געהויבענסטער רוהיגקייט וועלכע מ'זעהט גאר נישט ביי אונזערע מענשען, בלויז די פאנטאזיע קען עס זיך, פערגינען אזוינס אויסצומאלען; איינ- געהילט אין א טונקעל בלויען מלבוש. ארויף ביז צום שטערען און ארונטער ביז דעם שטויב פון דער ערד; א חוץ נאר די פלאטערנדיגע ווייסקייט פון שטערען האט זיך אויסגעמישט מיט דער פערביסענער רוגזה פון דער זשומענדיגער געדיכטער פינסטערניש און דערנאך האט זי גוטמוטיג אליין זיך אריינגעקוועטשט אין דעם פייל פליהעוודיגען קוק פון די שווארץ אפ- לען ארוים.

* * *

האב איך גענומען נאך בעסער אריינצוקוקען אין דעם וואס איך האב ערשט נישט געוואוסט וואס פאר נאמען עס צו געבען האט מיר צו די אויגען זיך גע- ווארפען א זייל פון העלפט און ארויף א פאר- מעט אויסגעזעצט מיט בלוי סאמעטענע אותיו'לאך ווי די פערל, פון דער העלפט און ארונטער א בע- העפטונג פון צושויבערטע שאטענס. האבען מיינע אוי- גען געקלעטערט איבערן זייל צו דער הויך צו געקלע- טערט ביז זיי האבען זיך אנגעשלאגען אין א פער- כמורעטען שטערען, דער זילבער איז איינגאנצען גע- ווען איינגעלאפען אין קנייטשען, און ער האט אומ- בלאנקעוועט איבערן הימעל-געוועלב, געשמעקט, גע- זוכט, און די אויגען נעגלאצט אין אלע זייטען...

אין דער רעכטער האנד ביי דער וואסער-שעפערין האט זיך געצעהטעלט א בינטעלע גרינס, אין דער לינ קער האנד האט זי געהאלטען א ליידיגען קרוג. בייזע יונגען מארוויכערס האבען ביי איהר אוועק גענזלט דאס וואסער, וואס זי האט געהאט אנגעשעפט, פארן אנקומען פון דער נאכט ביים אבשיין פון די לעצטע רעמערונגען פון דער זון. דערנאך האבען זיי גענו- מען און אויפן ברונעם פערלייגט א מצבה-שטיין...

* * *

די גאנצע נאכט וואס דיוואסער-שעפערין האט אומגעבלאנדזשעט, האט זי געקוויקט די נשמה מיט דעם ריח פון דעם בינטעלע גרינס, און דערפאר טא- קע האט דאס בינטעלע גרינס אויך זי אפגעהיט פון צו פערזופקען אין בלאנדזשעניש.. אבער דעם ליידיגען קרוג האט זי אויך נישט ארויסגעלאזט פון האנד. מחמת זי איז געווען געפרובט אין א סך גאנגען, שוין און קיין מוטער מענש איז איהר נישט געקומען צו הילף. געווען אפילו אזוינע צייטען, וואס אויף איהר לאנגען גע'גנבעטען לעבען האט נישט געלאזט צו איהר דערנעהנטערען זיך א פריש אטעם פון א לעבע דיג בעשעפעניש...

און די נאכט האט זיך איהר געצויגען אזוי לאנג... זי האט שוין אויסגעטאפטשעט א שפע אומוועגען, בלא- טעס און גריבער און וואו ס'קרייציגען זיך וועגען... איז זי לסוף געווארען פערביטערט ביז גאר... ס'האט געפלאצט דער בלאטער, און פונם געפלאצטען בלא- טער האט ארויסגעשפראצט — א שעהן וואונדער: אין סאמע מיטען טאפטשען האט זי זיך אפגעשטעלט און אריינגעזאגט צו זיך:

„מעהר בלאנדזשע איך נישט! פון אלע פיר עקען זאלען צו מיר קומען צופליהען קלוגע אויגען, און די וועלט זאל צו מיר זיין אייביג ליכטיג!"

פון דער הויכער חכמה איז איהר ליכטיג געווארען אין די אויגען און זי האט דערזעהען דעם ב ר ו נ ע ם פון ווייטען האט זי גענומען געהן אהין, אז זי איז שוין געשטאנען הארט ביי דעם ברונעם האט ביי איהר דאס פנים זיך פעראנדערשט אין א געשטאלט פון „דערהויבענער פורכט", האבען מחמת גרוים אפ שיי די קנוילענס שאטענס אלע ווי איינער זיך גענו- מען שארען אויף הינטען, ארום איהר האבען שוין אפגעשלאגען עטליכע ציטערדיגע, ריהרעוודיגע, פיי- לעכלעך פון מארגען רויט.

* * *

דאן איז ז,י אונטערגעלעהנט אויף חכמה,ג עפא- לען מיטן פנים אויף צו דער ערד און געשעפטשעט:

„מאמע! כ'טרינק זיך אין שפע פון פערגעסענ- קייט... כ'האב געהאפט און גערארשט. האף און דארשט און טראג עס פונאנדער פון עק ביז עק... זאמד און שטויב פליהען איבער מיין קאפ און יאגען מיך איבער, א קרייז פון וויסטעניש... כ'ווייס נישט, מאמע, דעם וועג אהיים... דעמאנישע יונגען האבען איבערגעדרעהט קאפויר די סמנים-אויפן וועג צו דער היים, און אויפן ברונעם פערלייגט א מצבה-שטיין".

ביי איינעם א ווינקעל פון ברונעם נידעריג צו דער ערד, אין בעהעלטעניש האט געוואקסען א נידריג קליינטשיג ווערבעלע, מיט ווינציגע בלעטעלעך, א- בער מיט פוכקער גאטור פרישקייט, האט דאס ווער- בעלע פערנומען דאס שטילע נעבעט פון דער וואסער- שעפערין, זיך זעהר צעווארעמט און געזאגט צו זיך:

„דאס איז דער אנבליק פון דער אייביגער מענ- שען מוטער, צו איהר געהער אן דאס פנים פון דער וועלט".

* * *

ארום ברונעם האט געהויערט א א ו מ ע ט, פון אלטע ווייטע צייטען האלט ער דא, פון זיין ווינקעל. אין איין אויסקוקען דאס אויפגעהען פון מארגען- רויט, וואס וועט אין גאר דער וועלט צוטראגען אויף זיינע גילדערנע פליגלען דאס מארגען ליד פון דעם זו- נען-פויגעל...

אין דעם וויסטען בעגינען האט דער אומעט, זיך אליין פעשוואוירען, צום וואונק צי צום קלאנג וואס איז צו איהם דערגאנגען פון דער וואסער שעפערין צו בעפרייען זיך פון די נעגעל פון דער נאכט ער האט נעפאכעט מיט דער נשמה פון גרוים קלעם. וואס ער געפינט נישט דעם טרייסט וואס ער בעגעהרט. דען עס האבען אין ברונעם איצט נישט געטריפט די פערעלדיגע טראפענס פון דער שעפערינס הארץ...

פון גרוים גלוסט צו ליכט האט אין איהם גע- פלאצט דער קלעם פון זיין טיף איז אויפגעשלאגען דער קוואל פון ח כ מ ה, האט ער גענומען און מיט א געוואלדיגען הכמה-שטוים אראפגעשליידערט דעם מצבה-שטיין פון ברונעם...

אין דער רגע האט דער ברונעם זיך געטון א הויב אויף צום פנים פון דער וואסער שעפערין, מיט זיי- נע טויזענדער שפיגעל-פיילען צושאסען די הארטע וויסטעניש פון דער נאכט. א פריש פערעלדיג טוי איז געפאלען אין ברונעם. די וואסער שעפערין האט

(ווייטער זעה [illegible]טע זייט)

דאס לעבען הויבט זיך אן

(פון לעבען אין ראטען-רוסלאנד אין שפיגעל פון דער דאריגער ליטעראטור)

פון נ. י. גאטליב

אין ראטען-רוסלאנד ווייסען מיר, שאפט זיך איז שוין היבש געשאפען געווארען א ניי- ערשטיג לעבען. די געזעלשאפטליכע אינטער- סען זענען דארטען אזעלכע, וואס רעגען אן און עפען אריין אין זייער קאן אלעמען, אלעמען. א זייט קען מען דארט נישט שטיין. נישטא ט ארט פאר רעזיגנירטע, שלאפענגייענדיגע לייט. ס גאנצע לעבען פיבערט, רוישט, שלעפט מיט לאזט נישט ווערען אלט; פערייונגערט, אה, ריצין, אהן „דריזען".

דער יודיש-סאוויעטישער שרייבער ש. גאד- ער האט א בוך, וואס רופט זיך „דאס לעבען בט זיך אן". פון דעם-א בוך ווילט זיך מיר ארויס- מען צוויי דערצעהלונגען, וועלכע בעהאנדלען די דאזיגע טעמע: ווי אזוי מענשען, שוין אויף עלטערע יאהרען, נעמען מיטאמאל ווערען אויפ- יונג, אויפסניי פריהלינגדיג, פול מיט לע- , מיט צאימפעט און מיט שאפונג-עקסטאז... ווער איז דא דער גורם? וואו איז דא די סיבה? פערשטעהט זיך, אז דער נייער, איבערגעאנ- שטער ארום, די נייע לעבענס-אינטערעסען, די מעגליכקייטען, וועלכע קאנען אלע אוועק- טעלט ווערען אונטער איין דאמינאציע: — דער ר גייסט... אט דער דאזיגער נייער גייסט איז דער לעבענס-עליקסיר, וואס פערייונגערט און לענגערט דאס לעבען פונ'ם סאוויעטישען, יו- ען און נישט-יודישען מענשען.

און כדי צו פערשטארקען אט דעם דאזיגען דרוק, האט גאדינער נאך געטון אזוי: ער האט זיינע אלטע, יונג-געווארענע טיפען אויסגע- בען גראד פרויען, וועלכע, ווי ס'איז בעוואוסט ען שנעלער אלט און אפגעלעבט, ווי מענער... גראד דורך זיי, דורך די פרויען, האט גאדי- געוואלט בעווייזען דעם „פעריונגערונגס-פראצעס", וואס קומט איצט פאר אין ראטען-רוסלאנד.

די ערשטע דערצעהלונג, וועגען וועלכער איך דא איבערגעבען, רופט זיך טאקע מיט'ן נא- פון בוך: „דאס לעבען הויבט זיך אן". ס'איז עשיכטע פון א יודיש מיידעל, וואס איהר טאטע אמאל געווען א לעהרער אין א תלמוד-תורה זי, דבורה, איז נישט קיין פראסטע, נאר א יקעל אינטעליגענטקע. א גאנץ קלוגע און א ס שעהנע. האט זי מיט א סך יאהרען צוריק חתונה געהאט; מיט א זייגערמאכער, וואס איז אויך וען א גאלדשמיד. דער מאן איהרער איז קיין בעריגער חכם נישט געווען. זי אבער, דבורה, ט איהם ליב געהאט און זיך פאר איהם מקריב ען... אין זאך איז אבער געווען שלעכט: קיין דער האבען זיך ביי זיי נישט איינגעהאלטען איז דא דער שולדיגער. האבען זיי קלאר נישט אוסט. זיי זענען געפאהרען צו דאקטוירים, פסארען און יענע האבען אמאל דעם מאן שולדיגט און אמאל — די פרוי... אזוי איז אוועק „א שאק מיט יאהרען". ס'איז שוין געווען מלחמה, דערנאך — עטליכע רעוואלוציעס. די לשעוויקעס זענען שוין די אבסאלוטע לאנד-הער און זי, דבורה מיט איהר מאן וואוינען אין קרים, לעבען זיך ווי עס איז דורך, און האלטען שוין ביי די פופציגער...

מאכט זיך אזא זאך: דער מאן — שוין אויף די עלטערע יאהרען — פערליבט זיך אין איינער א „יפה יפה" און ברענגט איהר צו זיך אין שטוב, וועלכע איז געקויפט געווארען פאר דבורה'ס בדן... דבורה מוז עס צוזעהן און מאכען א שווייג... ווארום ס'איז איצט אנ'אנדערע צייט — איז גאנץ מעגליך, אז איהר קרוב צו פופציג יאהריגער מאן זאל זיך „פערכליאפען" אין א יונגער „יפה פיה"!

אבער ס'איז נאך נישט אלץ: אינגיכען ווערט די „יפה יפה" טראגענדיג און געבירט א קינד!... ביי דבורה'ן, ווען זי האט „געלעבט" מיט'ן מאן, האבען זיך קיין קינדער נישט איינגעהאלטען, און אט יענע „יפה יפה" האט „איהם" א קינד צוגע- שטעלט!... אט דאס האט דבורה'ן געגויט זיך צו פערטראכטען, אז, קענטיג, זי איז עס די שול- דיגע אין נישט-האבען קיין קינדער... און, קענטיג, אז דער מאן האט זיך אזוי שטארק — אויף די עלטערע יאהרען — פערליבט אין א יונגער „יפה יפה", ווייל ער בענקט שטארק נאך אנ'אייגען קינד... האט דבורה „רחמנות" געהאט אויפ'ן מאן און איהם מוחל געווען די זינד פון „פערראט"...

ס'איז אבער נאך נישט אלץ: אינגיכען דער- דערוויסט זיך דבורה, אז דער „יפה יפה'ס" קינד איז נישט קיין זוהן פון איהר מאן, נאר פון איינעם א סטודענט בעלאצערקאווסקי... און, א חוץ דעם, פערמאגט די „יפה יפה" נאך צוויי ,גרויסע, שעהנע קינדער — פון צוויי אנדערע מענער... הכלל, ס'איז די אמת'ע „יפה יפה"!... דא האט דבורה חרטה געהאט אויף איהר רחמנות און גענומען האס- סען דעם מאן, וואס האט זיך פערבונדען מיט אזא מין „יפה יפה"...

ס'איז אבער נאך נישט אלץ: דער סוף איז געווען, אז די „יפה יפה" איז אנטלאפען, איבער- לאזענדיג דאס קינד ביים מאן... און דערנאך איז אויך דער מאן אנטלאפען, איבערלאזענדיג דאס קינד ביי דבורה'ן... און כאטש דבורה האט שוין איצט זיכער געוואוסט, אז דאס קינד איז נישט פון איהר מאן, נאר פון איינ'עם, א ווילד-פרעמדען סטו- דענט, — דאך האט זי זיך מיט א מין מאמישער ליבשאפט פערליבט אינ'ם איבערגעלאזענעם קינד און איז איהם, אויף דער עלטער, געווארען א מא- מע... זי איז געווארען א „יונגע" א מאמע... א „יונגע" מאמע פון א פרעמד קינד...

זי האט אבער גענומען ווערען „יונג" אויף אויף אנ'אנדער אופן. די צרות, וואס זי האט די לעצטע צייט געהאט אויסצושטעהן פון איהר מאן און פון זיין „יפה יפה" — די דאזיגע צרות האבען איהרע אויגען געעפענט און זי האט דערזעהען, אז זי האט עטליכע און צוואנציג יאהר אפגעלעבט א נישט-אינטערעסאנטען לעבען מיט א נישטיגען, מינדערווערטיגען מאן... און דבורה נעמט זיך, אויף די עלטערע יאהרען שוין, נעמט זי זיך „יונגערען". זי נעמט זיך לערנען, ווערט א ספע- ציאליסטקע אין א פאך און ווערט זעהר געזעל- שאפטליך... דאס קינד „אירס" דערציהט זי אויף יודיש.

ס'איז אבער פאראן נאך אנ'אקט אין דער דאזיגער דראמע. אביסעל צייט שפעטער קערען זיך אום דער מאן מיט דער „יפה יפה" צוריק קיין קרים צו דבורה'ן און דורך פאלשע מיטלען ווארפען זיי זי אינגאנצען ארויס פון איהר שטוב און ווילען נאך געריכטליך צונעהמען פון איהר „איהר קינד!"... דא האט זיך שוין דבורה אוועקגעשטעלט „פייטען" מיט זיי. אלץ מעגען זיי זיך נעמען, אבער דאס קינד גיט זי נישט!... כאטש אין זיך ווייס זי דאך, אז דאס קינד איז נישט איהר'ס, נאר דער „יפה יפה'ס"!... דאס קינד, האלט דבורה, איז שוין אבער מעהר נישט דער „יפה יפה'ס", נאר געהערט צו איהר, צו דבורה'ן!... זי, דבורה, דער ציהט איהם אין נייעם גייסט, און אזא מאמע, ווי די „יפה יפה" פאסט זיך נישט פאר'ן דאזיגען קינד!

הכלל, ס'האט זיך אנגעהויבען א משפט'ן זיך. אזוי לאנג און ברייט, ביז דבורה האט זיך אויפ- געהויבען און אוועקגעפאהרען אזש קיין מאסקווע, צו קאלינינען, וועלכער איז אין ראטען-רוסלאנד זעהר בעליבט און מען פאהרט צו איהם מיט אלע צרות ווי צו א גוטען יודען... און וואס, מיינט איהר ,איז געווען דער סוף? — קאלינין איז דא געווען א מין שלמה המלך, אבער אנשטאט אפצו- געבען דאס קינד דער אמת'ער מאמען, — דער „יפה יפה", — האט קאלינין גע'פסקנט, אז דאס קינד געהערט דבורה'ן!... ווייל, ס'האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז די „יפה יפה" מיט דבורה'ס מאן זענען די אמת'ע קאנטער-רעוואלוציאנער'ען, מען האט זיי געפאקט ביי „שעהנע מעשים" און פער- שיקט אין די ווייטע מקומות... האט, דעריבער אזא מאמע, ווי די „יפה יפה", קיין רעכט נישט אויפ'ן קינד.

און דבורה ,די פופציג-יאהריגע יודענע, ווערט אויף דער עלטער א „יונגע" מאמע פון א „פרעמד- אייגען" קינד... זי ווערט לסוף א „שלאגלערין", נעמט זיך „מיידלען" און — „דאס לעבען הויבט זיך ערשט אן"!...

די צווייטע דערצעהלונג גאדינערס רופט זיך „די הייליגע אומשולד פון דער שקלאווער לבנה"... ס'איז א געשיכטע פון א יודישער באלעבאסישער פאמיליע אין שקלאוו. ער, ר' בנימין הורוויץ, האט זעהר פריה חתונה געהאט ,גענומען א יונג, אינטעלי- גענט ווייבעל, איז געווארען א בוכהאלטער און פערפיהרט א שעהנעם ,יודיש וועלטליכען לעבען. דאס ווייב זיינס, ראיסא סאמוילאוונע, האט איהם געבוירען צוויי קינדער. די קינדער זענען אויס- געוואקסען. דער שטוב-הערשער איז געווען דער מאן און אלץ איז געגאנגען כשורה.

מאכט זיך אזא זאך: שוין אין די מיטעלע יאהרען נעמט ראיסע סאמוילאוונע „בונטעווען". ס'איז איהר אומעטיג צו זיצען גאנצע טעג אין שטוב און גארנישט טון, קיין קינדער וויל זי מער נישט האבען און ארומגעהן ליידיג — קען זי נאך, ווער ווייסט וואס, אפטון — הכלל, דאס ווייב הור- וויטשעס האט אין די מיטעלע יאהרען גענומען לער- נען אקושערסטווע, און ווען ס'האט אויסגעבראכען די רעוואלוציע איז זי גאר געווארען א רעוואלו- ציאנערקע, און איז אוועק, שוין אלס א געהילפס- דאקטאר, אויפ'ן פראנט!... מלחמה האלטען מיט'ן ווייסען שונא!... ער, ר' בנימין הורוויץ, איז מיט'ן אנקום פון דער רעוואלוציע געווארען א בורזשוי, מען האט ביי איהם צוגענומען זיין ביסעל באלעבא- טישקייט... און זי, זיין ווייב, איז גאר געווארען א „רויטע"...

ס'האבען זיך אנגעהויבען קריגערייען. ווען דאס ווייב איז געקומען פון פראנט, האט דער מאן געשיקט צו איהר א פסיכיאטער: — זי איז געוויס משוגע געווארען!... דער פסיכיאטער האט אבער אויסגעפונען, אז זי איז פולקאם געזונד... דער מאן האט דאס ווייב גערופען אין שוהל אריין צו „כל נדרי" און זי, דאס ווייב, איז גאר אוועק אין קלוב — דורכצופיהרען אנ'אנטי-יום-כפור- אווענד! ער, דער מאן, האט פון צרות גענומען אפט פאהרען צום ליבאוויטשער רבי'ן, און זי, דאס ווייב, האט זיך מיט איהם, מיט'ן מאן, גאר געג'גט און האט — אויף די עלטערע יאהרען — אנ- געהויבען דאס לעבען פונסניי!...

הכלל, ר' בנימין הורוויטש, א יוד, פון זיבען- און-פופציג יאהר, איז אויף דער עלטער, שוין א געג'גט'ער פון דעם ווייב, געווארען א „יונגער" גרויש... ער איז אוועקגעפאהרען קיין מאסקווע. גענומען פערקויפען פאפיראסען און, שטילער- הייט גענומען אונטערהאנדלען מיט פערוועהרטער וואליוטע... מען האט איהם לסוף געפאקט און גע- משפט לויט'ן „רויטען" דין... און זי, דאס פרי- הערדיגע ווייב זיינס, די שוין היבש אלטע אין יאהרען ראיסע סאמוילאוונע, איז אויפסניי — מיט'ן גייסט — יונג געווארען, אנגעהויבען א צווייטען פריהלינג און איהר „פעריונגערונגס-פראצעס" האלט אלץ אין דערגרייכען אלץ מעהר און מעהר דער- פאלג!...

דער פרעמדער

א בילד פון דער יודישער קאָלאָניסטישער לעבען אין אַרגענטינע

פון יעקב בעלער

א ווינטיג דראָבנער רעגען האָט זיך געטראָגען איבער דער קאָלאָניע געקלאַפּט מיט שטילער פרייד אויף די פענסטערלעך פון די קליינע ווייס־געקאַלכטע הייזקעס. „א רעגען!" — האָט זיך פריידיג געהערט פון איטליכענס מויל. באַלד זענען די טראָפּענס גרעסער געוואָרען און א גרויסער שלאַגס־רעגען האָט זיך א לאָז געטון. דער סקאָט (שאָף) אין פּאָטרערא (א פּלאַץ פאַר די שאָף) האָבען אויסגעוויקטע פון רעגען אויסגעשטרעקט העלזער און דורשטיגע געטרונקען דעם פאַלענדיגען רעגען, די פערד אין פּאָסטרערא האָבען זיך פאַר פרייד צולאָזט אין א ווילדען געיעג און זיך צעהירזשעט.

— ס'זאָל נאָר קיין בייז אויג נישט געשעהן!— האָבען קאָלאָניסטישע ווייבער אין דער שטיל געבעטען.

באַלד האָט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט ווי א לאַכעדיג פערוויינט קינד און שמייכלענדיג געקוקט אויף די בעלאָדענע פעלדער, וועלכע האָבען זיך ערשט נאָר וואָס נאָכן רעגען אזוי ברייטליך צעוואַקסען.

אויך דאָס שכנהשע שטעטעל פון דער קאָלאָניע האָט בעקומען א נייע פּנים, די קרעמער האָבען אַריינגעקוקט אין די ביכער און צופרידענע בעטראַכט די קאָלאָניסטישע חשבונות. וועלכע האָבען זיך א גאַנץ יאָהר אזוי צעוואַקסען, געחשבונט און צופרידענע געשמייכעלט.. און אויף צו־מאָרגענס ווען די קאָלאָניסטען סולקעס (וואָגענס) זענען ברייטליך מיט א פערנעהם אָנגעפאָהרען אין שטעטעל אריין, האָבען זיי די קרעמער אקעגענגעטראָגען א ברייטען שלום־עליכם. — שוין א צייט נישט געוועזן ביי מיר אין קראָם, מילא, איז נישטאָ קיין מזומנים, נעהמט מען אויף באָרג! ניש'קשה, א גוטע קאָסעטשע (שניט) היי־יאָהר.

אין קאָלאָניע האָט מען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו דער קאָסעטשע, ס'האָבען זיך אָנגעהויבען בעוויזען די „געסט", וועלכע זענען אוועק פון קאָלאָניע שוין א שטיק צייט, שטילערהייט ווי פערשולדיגטע האָבען זיי זיך אריינגעגנבעט אין קאָלאָניע. עס זענען געקומען יענע, וועלכע האָבען געזוכט „שטאָטישע גליקען" און ערגעץ־וואו אין בוענאָס איירעסער גאַסען געטראָגען א פעקעל און געקלאַפּט אין די טירען, אָדער פערקויפט ציגאַרעטען אויף א עסקינאַ (קאַרנער) און געשריבען אהיים „גרויסע גליקען". ס'איז אויך געקומען ס'יונגוואַרג פון קאָלאָניע, וואָס שטודירט אין די שטעט, א שפּיי געטון אויף די אָנגעגליהטע בוענאָס איירעס מויערען און זיך א לאָז געטון אין קאָלאָניע צו די היימישע סנאָפּעס וואָס אָטעמען מיט פרישע געזונטע לופט.

היי־יאָהר זענען צוגעקומען גאַנץ נייע געסט, דאָס זענען געוועזן די „גרינגאָס" (גרינע). וועמען די יק"א וויל קאָלאָניזירען און האָט זיי פערטיילט צווישען די קאָלאָניסטען. כדי זיך אויסצולערנען ווי אזוי מ'דאַרף ווערען א בעל הבית אויף דער מאמע ערד. צו לייזערן דער אָדעסער איז אריינגעפאַלען איינער פון די גרינע, א ליטווישער יונגערמאַן, א שטיקעל קרוב זיינער. ווי ער אליין דערצעהלט, האָט ער אין אָדעס נאָך שטודירט און פעלד ארבייט איז איהם אינגאַנצען פרעמד, אָבער קומענדיג קיין בוענאָס־איירעס איז איהם גלייך נמאס געוואָרען דאָס שטאָטישע לעבען און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וואָס האָט זיך איהם געמאַכט. איז ער געקומען אין קאָלאָניע אריין, איצט וויל ער גאַנץ פשוט ווערען א פויער.

צווישען דער יונגוואַרג אין קאָלאָניע האָט דער „גרינגאָ" אָנגעהויבען שפּילען א ראָלע. ערשטענס האָבען זיי אויף איהם געקוקט ווי אויף אַנ'אידעאַליסט. פערלאָזט דאָס שטאָטישע לעבען צו ווערען א פשוטער פויער; צווייטענס איז ער א געבילדעטער פויער און דערצעהלט אזעלכע נייע זאַכען פון גאָטס גרויסער וועלט. אין רעגענדיגע טעג ווען מ'קאָן נישט ארויספאָהרען ארבייטען, קומען זיך צו לייזערן אין שטוב צוזאַמען די קאָלאָניסטישע יוגענט און הערט זיך צו וואָס דער גרינגאָ האָט צו דערצעהלען וועגען רוסלאַנד, לייזער אליין וואַרפט אריין יעדע מינוט א לשון קודש ווערטעל, וועלענדיג ווייזען דעם יונגענמאַן אז כאָטש ער לעבט שוין דאָ אויפן ווייטען סטעפּ א פינף און צוואַנציג יאָהר, פונדעסטוועגען געדענקט ער נאָך גאַנץ גוט די קליינע אותיות. שלמה פון דער צווייטער גרופּע א יוד מיט א רויטען קאַרק, א געוועזענער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט און איינער פון די ערשטע קאָלאָניסטען אין קאָלאָניע, קען זיך גאָר נישט אָפּוואונדערען פון דעם וואָס דער גרינער דערצעהלט אַלץ.

— אזא מפּלה — פאַלט ער אריין אין די רייד,— ניקאָלאַי גנב! א מצווה, טויט — ווער ס'הויבט אָן מיט יודען שניידט שלעכט אָפּ.

די קאָסעטשע איז דאָס יאָהר נישט געוועזן שלעכט מ'קען זאָגען א שטיקעל גערעטעניש קעגענאיבער די פאַראַיאָהריגע טרוקעניש. אויסגעצאָהלט א ביסעל חובות, איינגעקויפט נייע קליידער און שטוב זאַכען, פּיהלט יעדער א ביסעל פרעהליכער אויפן האַרצען. די מיידלעך אין קאָלאָניע זענען אונטערגעוואַקסען ווי שוואָמען נאָך א רעגען, אָפּגעסמאַלעטע פון דער זון האָבען זיך די מוסקולען און די קינדישע ברוסט א הויב געטון. טאַטע און מאַמע האָבען זיך שטילערהייט מיט הנאה איבערגעוואונקען און גלייך אויף צו מאָרגענס אריינגעהאַקט א גרויסען פּאָסטען פון אַנ'אָפּגעזעגטען בוים פאַר דער טיר.. א סימן — אז דאָ געפינט זיך א אונטערגעוואַקסען מיידעל און די באַוועגס (יונגעלייט) פון קאָלאָניע קענען אָנהויבען צו קומען און די פערד צובינדען צום גרויסען פּאָסטען, דריי גרופּעס מוזיקאַנטען האָבען זיך פון נאָהענטע שטעטעל אוועקגעלאָזט אין קאָלאָניע פראַוועט שמחות.

ס'יונגוואַרג אין קאָלאָניע האָט בעשלאָסען היי־יאָהר אויפצופיהרען א ריין ליטעראַרישע פּיעסע, יעדען פאַרנאַכט קומען זיך די אַמאַטאָרען צוזאַמען, טאַקע צו לייזערן אין שטוב, און מאַכען זייערע פּראָבען, לייזערס שטוב איז שוין פון לאַנג דער הויפּט־צוזאַמענקום פון דער קאָלאָניסטישער יוגענד ווייל, ערשטענס, שפּילט רבקה, לייזערס עלטערע טאָכטער, די הויפּטראָלע; צווייטענס איז ער א קאָלאָניסט מיט אַנ'אויסגעצאָהלטער טשאַקרע און דריי געראָטענע, שעהנע טעכטער... קיין יונגלעך זענען אין שטוב נישטאָ, און די מיידלעך פיהרען אָן די גאַנצע ארבייט אויף דער טשאַקרע און נאָך דערצו גוטע בעל־הבית'טעס אין דער היים. נישט איין מאַמע אין קאָלאָניע ווינשט זיך שטילערהייט אזא שנור ווי לייזערס טאָכטער, צווישען די בחורים אין קאָלאָניע געהט אָן א בעהאַלטענע מלחמה איבער די מיידלעך. ס'איז פאַר קיינעם דאָרט קיין סוד נישט אז דאָס געשלעג, וואָס איז מיט דריי וואָכען צוריק פאָרגעקומען אין גאַלפּאַן, נישט ווייט פונם עסטאַנסיעראַ, איז נישט געווען צוליב די „קאַררעראַס" (פערד־געיעגען)... מ'ווייסט אפילו פאַרוואָס בערל, שלמהס עלטערער זוהן, האָט געביטען זיינע צוויי פערד אויף א רייט־פערד און געקויפט א נייעם בעזילבערטען געשפּאַן ביים עסטאַנסיעראַ (גוטס־בעזיצער).

ווען אַלע האָבען זיך שבת נאָכמיטאָג צונויפגעקליבען אין לייזערס שטוב, האָט רבקה פאַרגעשטעלט פאַר אַלעמען דעם גרינעם, א סך פון די מיידלעך האָבען, רויט ווערענדיג, אַראָפּגעלאָזט די אויגען, און דאַן זיי ווידער גנבה'שדיג אויפגעהויבען און געכאַפּט א קוק אויפן גרויס־שטעטישען גרינעם, די יונגלעך האָט דער גאַנצער עסק נישט געשמעקט, כאָטש אַלע וואָס נעהמען אַנ'אָנטייל אין דער פּיעסע זענען שוין דאָ, פונדעסטוועגען שעהמט מען זיך עפּעס פאַר דעם שטאָטישען.. וואָס האָט אוודאי געזעהען שפּילען בעסער טעאַטער דאָרטען אין די גרויסע שטעט, שטילערהייט סוד'עט מען זיך: אויף וועמען וואַרט מען? פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין פּראָבע? ערשט בערל שלמה'ס, וועלכער שפּילט די הויפּטראָלע, איז ארויס מיט לשון.

—העי, חברה, וואָס עפּעס מיט א מאָל שטיל געבליבען? איהר שעהמט זיך פאַרן שטאָטיגען? ער וועט דאָך טאַקע אין שטאָט קענען דערצעהלען אז מיר זענען דאָרפישע, און פּראָבע האָט זיך אָנגעהויבען.

נאָך דער פּראָבע האָט דער גרינער פאַר אַלעמען דערצעהלט ווי אזוי מען שפּילט טעאַטער אין רוסלאַנד, אַלע זענען צופרידען געווען, און זיך ערנסט צוגעהערט.. נאָך בערל שלמה'ס שטעהט און דרעהט די רעווענקע (בייטש) אין האַנט. עפּעס געפעלט איהם נישט וואָס רבקה, לייזערס עלטערע טאָכטער, לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון איהר גרינעם קרוב, אָט האָסטו דיר אַנ'אָנטשעפּעניש, טראַכט ער זיך. רבקה, ווייסט די גאַנצע קאָלאָניע, האַלט ביים ווערען זיין כלה. ער האָט שוין אפילו גערעדט מיט איהר פאָטער, און טאַקע דערפאַר האָט ער ביי איהם צוגענומען זיינע פערד אויף פּאָסטרערא, זי, רבקה, איז שוין אפילו געגוען ביי זיי אין דער היים, און געהאָלפען זיין מאַמען באַקען ברויט, און איצט — נא דיר נאָר אַנ'אַנשיקעניש; א קרוב פון אָדעס...

ס'איז געוואָרען שפּעט, אַלע האָבען זיך געזעגענט און אוועקגעפאָהרען, בערל איז אוועק א בייזער און האָט זיך אפילו נישט געזעגענט מיט רבקהן. זיין כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום פערד און איהם דערלאַנגט מיט דער רעווענקע, אז ער האָט אים ווי אַטייוועל אַהיים געטראָגען.

אויפ'ן צווייטען שבת, האָט די קאָלאָניסטישע יוגענט בעשלאָסען צו מאַכען א באַל לכבוד דעם גאַסט. בערל האָט זיך אויסגעפּוצט, אָנגעטון זיינע נייע רייט הויזען מיט די לענגע פּאַליאַנעס, אָנגעזאָטעלט אינם נייעם זילבערנעם געשפּאַן און היידא צו לייזערן. דאָרט האָט ער שוין געטראָפען פערזאַמעלט די גאַנצע יוגענט פון דער קאָלאָניע. ער האָט זיך אנידערגעזעצט און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון רבקה'ן, ווי זי האַלט עס אין איין קוקען אויפן גרינעם. בגנבה האָט ער זיך ארויסגעשאַרט פון שטוב אין קיך אריין, אָפּגעוואַרט ווען רבקה איז אריינגעקומען דערגיסען די מאַטע (געטראַנק פון גראָזען), האָט ער זי פּעסט א כאַפּ געטון פאַר דער האַנט, אז זי האָט אזש א קוויטש געטון.

— העי, רבקה, וואָס איז דאָס? דו קוקסט דיך אויף מיר גאָר נישט אום, גלייך ווי איך זאָל דאָ גאָר נישט זיין!

— וואָס זאָל איך דען טון? — וואָס ווילסטו? זאָל איך שרייען געוואַלד?

— אזוי גאָר? דו דאַרפסט נישט שרייען געוואַלד איך זעה שוין, אז דו לאָזסט פון איהם נישט אַראָפּ די אויג... ער געפעלט דיר בעסער פון מיר.

פערענדיגט די ווערטער, האָט בערל א טראַסק געטון מיט דער טיר. אז ס'גאַנצע הויז האָט אזש געציטערט, און איז אוועק.

פון דאַן אָן פלעגט בערל פערבייפאָהרען לייזערס הויז און זיך אפילו נישט אומקוקען, א שמיץ געטון דאָס פערד מיט דער רעווענקע, און פערשוואונדען. שפּעטער אָבער, ווען אַלע אין קאָלאָניע האָבען שוין גערעדט, אז ס'האַלט עפּעס צווישען רבקהן און איהר גרינעם קרוב און די יונגעלייט האָבען אָנגעהויבען אויף בערלען טייטען מיט די פינגער, און לאַכען אין די פויסטען, געפרעהט זיך און נקמה דערלעבט, האָט ער שוין דאָס נישט געקענט אריבערטראָגען.

אין א פאַרנאַכט ווען ער איז נאָך דער ארבייט פון קאַמפּ געפאָהרען פערבייידרייטענדיג לייזערס הויז, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד איהם אויסגעזאָטעלט און געלאָזט אהיים. אליין איז ער אריבערגעקראָכען די אַלאַמבּרע (שטעכיג דראָטענער פּלויט) פון
לייזערס קאָלאָניע און געטראָפען רבקה'ן; ביי ד
פּאָטרערא ווי זי פערטרייבט דעם סקאָט.
— זאָג נאָר דו סעניאָריטאַ — איז ער גלייך
צו איהר — ביזט טאַקע ברוגז?
— איך? — האָט זי געענטפערט, — דו בי
דאָך גאָר ברוגז) שוין אזא לאַנגע צייט ווי מ'זעה
דיך גאָר נישט!
— זאָג רבקה — האָט ער אָנגעהויבען אפּיס
ווייכער, — ס'איז אמת, וואָס מ'זאָגט אין קאָלאָני
אז דו ווערסט א כלה פאַר דיין גרינעם קרוב?
— דער טאַטע — די... מאַמע ווילען אזוי — הא
זי אָנגעהויבען שטאַמלען און אַראָפּגעלאָזט די אויג
— הא, וואָס? טאַטע און מאַמע ווילען אזו
איך שטעה זיי נישט אָן פאַר אַנ'אײדעם, נאָר די גרי
חיה. מיר'ן זעהן, איך וועל דעם גרינעם די ביינ
צוברעכען. זעהסט, האָט בערל ארויסגעצויגען ד
מעסער פונם גאַרטעל, פאַר א קאַלטען וועל איך איה
מאַכען, זאָל ער נישט קריכען וואו מ'דאַרף נישט -
האָט ער געקריצט מיט די ציין, א פּאָר מאָל מיט כ
אויסגעשפּיגען, און צוריק אריבערגעשפּרונגען
אַלאַמבּרע און אוועק.
דריי טעג האָט בערל געוואַרט אויף דעם גרינ
בעהאַלטען זיך הינטערן גאַלפּאַן (תבואה שפּייכלע
ביז אין א פאַרנאַכט האָט ער איהם דערזעהן רייטע
דיג אויף א פערד אַנ'אויסגעפּוצטער. פון וויטע
איז געשטאַנען רבקה, צוגעקוקט און געפרעהט זיך
שנעל איהר שטאָטישער קרוב האָט זיך עס אויס
לערנט רייטען. אַנ'אויפגעקאָכטער האָט ער זיך
לאָז געטון און איהם אַראָפּגעשלעפּט פון'ם פערד.
האָט זיך אָנגעהויבען צווישען ביידע א געשלעג
רבקה האָט געמאַכט א געוואַלד, און לייזער מיט צו
פּעאָנעס (געדונגענע ארבייטער) זענען אָנגעלאָפען א
האָבען דעם גרינעם א צובלוטיגטען ארויסגעשלע
פון בערלס געזונטע הענט...
שבת, אין שוהל'כעל, האָט זיך ערשט אָפּגעשפּי
די ריכטיגע חתונה. לייזער האָט זיך געשוואוירען
אז ער וועט בערלען ממית זיין. אזא מערדער! א באַנדי
נעהמט און צובלוטיגט א מענשען פאַר גאָרניש
בערלס טאַטע האָט אויך נישט געשוויגען, און ס'הא
זיך אָנגעהויבען א מחלוקת. באַלד האָט מען זיך אָנ
הויבען אויסוואַרפען איינער דעם אַנדערענס יחו
דער עולם האָט זיך צוטיילט, לייזערס שכנים פ
דער דריטער גרופּע, האָבען דוקא געהאַלטען מ
שלמהן, בערלס טאַטען, און געטענהט, אז ס'זענ
דאָ גענוג ליטווישע בחורים אין דער קאָלאָניע, א
מ'דאַרף נישט ברענגען א גרינעם פון אַלדע שוואַר
יאָהר, ס'איז א בושה פאַר די קאָלאָניסטישע בחורי
און אז בערל האָט גאַנץ גוט געטון.
דערפאַר אָבער האָבען שלמהס שכנים געהאַלט
מיט לייזערן, נישט איינער פון זיי האָט פערזוג
בערלס הענט, זיי האָבען געשריגען, אז שלאָגען א
נישט קיין יודישע זאַך, און מ'דאַרף איהם אָנלערנ
אויף א צווייטען מאָל, א וואָרט נאָך א וואָרט, א
ס'האָבען אָנגעהויבען פליהען פּעטש. אין קאָלאָנ
האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, אז אין שוהלכעל א
א געשלעג און יונגע חברה האָבען זיך אויף די פּע
א לאָז געטון אין שוהלכעל העלפען זייערע טאַטע
אויך בערל איז א פערשוויצטער געקומען צו רייט
אויף שנעל און זיך א לאָז געטון צווישען קנויל מ
שען, פּאָכענדיג אויף רעכטס און לינקס מיט זיינע
זונטע הענט, ווען ס'געשלעג איז שוין געווען א
ריכטיגען ברען האָט אומיצער א געשריי געטון,
דער קאָמיסאַר מיט צוויי וויזשילאַנטען (פּאָליציי)
מען אָן; איז גלייך שטיל געוואָרען.
יונגע חברה האָבען זיך ארויפגעזעצט אויף
פערד און אהיים געריטען. און די עלטערע יודען
בען ווייטער געדאַוועט.

די קראַנקהייטען פון גייסט

(מעדיצינישע שמועסן) — פון ד"ר י. טעז

יעדע חולאת, וואָס זי זאָל נישט זיין, איז אַנ'אומגליק פאַר דעם קראַנקען; אָבער קיין שום חולאת איז נישט אזא טראַגעדיע אי פאַרן יחוד, אי פאַרן כלל, ווי די גייסטיגע קראַנקהייטען, פונדעסטוועגען איז ווי צו־להכעיס, דוקא אָט די חולאת מעהר פערשפּרייט ווי אַלע אַנדערע, מען האָט אויסגערעכענט, אז פון יעדע 26 קינדער, וואָס ווערען געבוירען, איז איינער א קאַנדידאַט פאַר א גייסטיגער קראַנקהייט. רעכענט מען נאָך צו דעם צו די גרויסע צאָהל פערברעכער, וואָס זענען, מעדיציניש גערעדט, נישט מעהר ווי גייסטיגע קריפּעלס, דאַן קומט מען צו א שוידערליכען סך הכל פון אויסגעקידעוועטע און פערוואָרפענע מענשען לעבענס, גאָר אָהן א שיעור.

עס איז זעהר שווער צו בעשטימען א פעסטען גרענעץ פון געזונט ביז קראַנק. לעסינג האָט זיך ערגעץ־וואו אויסגעדריקט, אז די בריק פון א מצוה צו אַנ'עבירה, איז נישט מעהר ווי א געדאַנק. אויפן געביט פון גייסטיגע און נערוועזע שטערונגען איז די בריק נאָך שמעלער און וואַקעלדיגער. בקיצור, עס זענען פאַראַן א סך סטעזשקעס, אין הינטער־געסלעך, וואו דער מענשליכער גייסט קאָן פערבלאָנדזשעט ווערען און אפילו נישט וויסען דערפון.

און איצט לאָמיר אַנאַליזירען איינעם פון אזא האַלבער נשמה'דיגער קראַנקהייט, אָט לאָמיר אָנהויבען מיט דעם קאַפּיטעל „היסטעריע", א חלאת, וועגען וועלכער דער עולם רעדט א סך און פערשטעהט אזוי וועניג.

וואָס איז היסטעריע?

היסטעריע איז א מין „איינגערעדטע" קרענק, וואָס נעהמט ארום א גאַנצען קאָמפּלעקס פון גייסטיגע שטערונגען, עס זענען בעקאַנט אין דער געשיכטע עפּאָכען פון היסטעריע, ווען די קראַנקהייט האָט ממש געבושעוועט ווי א מגפה, אין מיטעלאַלטער זענען געווען א סך אזעלכע עפּידעמיעס, ווען גאַנצע שטעט און לענדער זענען פערכאַפּט געוואָרען פון דעם דיבוק און די מאַסען האָבען פערלאָזען זייערע היימען און זיך אָדער געוואַלגערט אין די גאַסען, אָדער געטאַנצט און געבוקצעט זיך, אָדער אָפּגעטון גאָר ווילדע מעשים, אַלע גרויסע מאַסען־בעוועגונגען פון דער געשיכטע זענען פול מיט היסטעריע, אָבער דאָס מיינט נישט. אז די מאַסענבעוועגונג האָט בעשאַפען די היסטירע, די היסטעריע איז געלעגען פערבאָרגען אין די נשמות ווי דינאַמיט און געוואַרט אויף א פונק כדי צו עקספּלאָדירען, און אָט אזוי קומט אויך די מאַסען היסטעריע צוריק צום מקור, צו דער היסטעריע פונם יחיד.

דאָס וואָרט „היסטעריע" קומט פון גריכיש און בעטייט אין אָריגינאַל „געבערמוטער", ווייל שוין די אַלטע גריכישע מעדיצין האָט פאַראויסגעזעהען וואָס פּראָפעסאָר פרויד האָט טויזענטער יאָהרען שפּעטער אַנטפּלעקט. אז היסטעריע און סעקס זענען שוועסטער און ברודער. בקיצור, היסטעריע איז א קראַנקהייט וואָס קומט פון צוריקדרענגונג און פערשטויסונג פון א פערבאָטענעם געשלעכטליכען וואונש, וועלכער קאָן נישט נאָר אינגאַנצען פערשווינגען ווערען. מעהר קאָנקרעט גערעדט, טרעפט עס זיך, אז דער מענש האָט געוויסע וואונשען און תאוות, וועלכע ער קאָן נישט בשום אופן בעפרידיגען, מחמת אָט די תאוות זענען נישט „אָנשטענדיג" אָדער נישט אין איינקלאַנג מיט דער מאָראַלישער נאַטור פון דעם פּערשוין און זיין דערציהונג, אָבער דער וואונש איז צו שטאַרק און קאָן נישט דערשטיקט ווערען. דאָס ברענגט צו אַנ'אינערליכען זעעלישען קאָנפליקט א מין „קרע שבלב" (א ריס אין האַרץ) וואָס צעשטערט דעם גייסטיגען גלייכגעוויכט.

אָבער די נשמה איז נישט קיין יאַריד אויפן בוידעם און שטרעבט נאָך רוה און שלום. און כדי צו פערשאַפען רוה און אָרדנונג, וואַרפט ער, דער גייסט אריין די רוה־שטערער און שרייערס (די פערבאָטענע געפיהלען פון תאוות), אין דעם תהום פונם אונטערבעוואוסטזיין, און אָט דאַכט זיך אַלצדינג איז ווידער כשר וישר, אָבער אזוי קאָן מען דעם דין נישט פּסקענען, די פערשטויסענע געפיהלען נעהמען אָן גאָר וואונדערליכע מיטלען, און ארויסגעוואָרפען דורך דער טיר, שפּרינגען זיי אריין דורכן פענסטער, אונטער פערשידענע מאַסקעס. דאָס מאָל שוין גאַנץ אום בעוואוסט, הויבט דער קראַנקער אָן צו בעפרידיגען די געפיהלע זאָויף אַנ'אומבעוואוסטען אופן.

א היסטערישע פרוי איז אויפגערעגט, שרייט און איבערטרייבט אַלצדינג מחמת זי האָט נישט קיין רוה, דער פערשוויסענער אומבעוואוסטער וואונש פּיי'ניגט איהר, מיטאַמאָל פערלירט זי דעם לשון, אָדער אַנ'אַבר ווערט געליימט ביי איהר, אָדער זי ראַטעוועט זיך פון דעם קאָנפליקט דורך פערגעסענקייט, זי געהט קויפען אַנ'אינדיק און קויפט א לונג און לעבער; זי געהט בעזוכען א פריינט און קאָן דעם אַד־
רעם נישט געפונען, כאָטש דער נומער פונם הו
גלאָצט איהר ממש אין די אויגען. אָדער זי האָט מוה
פאַר איהר איינענעם שאָטען, אַנדערע ווידער הער
אויף פיהלען געוויסע אברים פונם קערפּער. אי
קאָנט זי ממש ברענען און בראָטען און זיי פיהל
גאָרנישט. מיר וואָלטען געקאָנט אויסרעכענען פ
מעהר פון אזעלכע היסטערישע סימנים.
פאַרוואָס ווערט א פרוי (אָדער א מאַן) היסט
ריש?
ווי מיר האָבען דערקלערט, איז היסטעריע אַנ
אויסדרוק פון א פערבאָטענעם וואונש. אזעלכע קי
דערישע וואונשען האָט יעדער מענש. אָבער ווי
די מייסטע מענשען קאָנען גובר זיין די קינדעריש
תאוות, זענען אָט די היסטאַריקער געבליבען שטע
אין מיטען וועג און קאָנען זיך נישט אָפּטרייס
פון די קינדערישע „זכרונות", אויב א פרוי האָט
נאָרמאַלען געשלעכטליכען לעבען קאָן זי לייכטער פ
גלעטען איהרע קאָנפליקטען, ליידער איז דאָס אָב
נישט תמיד דער פאַל. ווי די נייערע סטאַטיסטיק
בעווייזען, לעבען כמעט די העלפט פון די מאָדערנ
פערהייראַטע פרויען אָהן געשלעכטליכע בעפרידיגונ
אמאָל צוליב זייער איינענער נישט־נאָרמאַלער ערצ
הונג און געשלעכטליכער ענטוויקלונג. אז אויף א
יסוד וואַקסען היסטערישע קריטעכצער ווי קראָפּ
ווע, איז פערשטענדליך, דאָס איז וויכטיג צו וויס
מחמת היסטעריע איז איינע פון די ווייניגע שטער
גען, וואָס קאָנען יאָ אויסגעהיילט ווערען, און דע
פאַר אויב א פערהייראַטע פרוי איז היסטעריש, ליי
פון אַלערליי איינגערעדטע קראַנקהייטען, קאָפּ־שמע
צען, מאָגען־ליידען, און אַנדערע — איז דער כל
אונטערזוכען נישט נאָר די פרוי, נאָר אויך דעם מא

—=—

דער קונדס

הומאר • סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

בײלאַגע צום „נײעם פאלקסבלאַט" נומער 232 · פרײטאג, דעם 4 אקטאבער 1935

דאס איז די היינטיגע דעפּוטאטנ=תּפילה

קורצער פרייטאג און שבת הגדול

שבת הגדול: איהר ווייסט פאניע קורצער פריי־טאָג, מיין פרוי איז א זעלטענע פאסטערין. זי פאסט נישט בלויז יום כפור, נאָר א גאַנץ יאָהר האַלט זי אין איין פאסטען.

קורצער פרייטאָג: אַזאַ צניעה איז זי?

שבת הגדול: נישט דאָס, נאָר יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג טוט זי אָן פּ א ס ט נייע היטען. נישט ווי נישט ווען, טוט זי אָן א פּ א ס ט נייעם מאַנטעל.

די נייע ענציקלאָפּעדיע

דעקאָלט: — אַ שוי־פלאַץ פאַר זקנים.

פלעגמאַט: — אַ מאַן אזא, וואָס אז ער כאַפּט דאָס ווייב אויף דער הייסער מינוט, זאָגט ער צו איהר: קעצעלע, פון 1־טען יאַנואַר וואָלט איך געוואָלט, ס'זאָל זיין אַנדערש ווי ס'איז.

געשוואָרין: — טעלעגראַף־דראָטען, דורך וועל־כע אַ פּרוי טעלעגראַפירט צום מאַנ'ס קעשענעס.

העגעק: — מיינער אַ חבר.

משוגענער: — נישט איך.

אַ האָהר: — אין דער זופּ.

אַ גנב: — (לאָמיר זיין דיסקרעט).

וויצען: — אין אַ זייט.

אנ'אפּשניט פון א מגיד

אַ דרשה וועגען גוף

אַלע צרות און שלעק אויף דער וועלט — אַזוי האָט אויסגעדרונגען דער מגיד אין זיין שבת שובה דרשה — נעמען זיך נאָר פונ'ם גראָבען גוף, וואָס פיהרט אַראָפּ דעם מענשענ'ס איידעלע נשמה פונ'ם גלייכען וועג און פערפיהרט זי צום אַלעם בייז אין דער וועלט. אָט דער פערגראָבטער חומר, דער גוף וויל נאָר וויסען פון תאוות עולם־הזה און תמיד איז ער להוט נאָר צו עסען און שלאָפען, נישט אומזיסט הייסט ער גוף: „גוף" מאַכט — שרייט דער מגיד מיט היץ — גוואַלד, וואָס פרעס־טו? גוואַלד. וואָס פוּפסטו?

— „גוף" מאַכט נאָך — שרייט אויס איינער פון דעם עולם. — גוואַלד, וואָס פלוידערסטו?

פערביטעז די יוצרות

דער חזן, ר' משה
מאַכט אָפּט אַ בּוסה, אַ גרויסע,
האָט ער צו סליחות
געזאָגט: צאַריכות
פסוקים פון אתה הראית!

ב. גרינשפּאַן.

אפאָריזמען

מאַנכער רעכענט, אַז ער האָט אַ גוט האַרץ, ווען אין אמת'ן האָט ער גאָר שוואַכע נערווען. — עשענבאַך.

* * *

מאָראַליטעט און ציוויליזאַציע העלפען זיך איי־נע דער אַנדערער. — מאַדאַם דע סטאַל.

* * *

זיך אָפּצוגעוואוינען פון שלעכטע זיטען איז לייכטער היינט, ווי מאָרגען. — קאָנפוציוס.

* * *

דעם מענשענס מח מעג אויסקלערען פערשי־דענע געזעצען פאַר'ן בלוט; די ליידענשאַפטען וועלען שטענדיג איבער זיי אַריבערשפּרונגען. — שעקספּיר.

* * *

וועגען אַ מענשענס מעלות קאָן מען ערשט אורטיילען נאָך זיין טויט. — נאַפּאָלעאָן.

* * *

זוכענדיג גליק פאַר אַנדערע געפינען מיר אָפּט אונזער אייגענעם. — פלאַטאָן.

* * *

יעדער נייער וואונש איז אַנ'אָנפאַנג פון אַ נייער ענטוישונג, פון אַ נייעם שמערץ. —וואָלטער.

* * *

מענשען בענוצען זיך אָפּט מיט זייער קלוג־שאַפט צו טון פערשידענע נאַרישקייטען. — לאַ־ראשפוקאָ.

* * *

אָרים איז נאָר דער, וועלכער האַלט זיך פאַר אָרים. — סענעקאָ.

* * *

נישט וויסען פון שמערץ הייסט, נישט זיין קיין מענש. — טערקיש שפּריכוואָרט.

* * *

די ליידענשאַפטען זענען נישט אַזוי שטאַרק, ווי די מענשען שוואַך — דיובע.

* * *

דער ערשטער טריט צו טון גוטס איז נישט צו טון קיין שלעכטס. — רוסאָ.

* * *

דער מענש דאַרף זיין דער העד פון זיין ווילען און דער שקלאַף פון זיין געוויסען. — ע־שענבאַך.

* * *

פון דעם לעבענס־קאַמף איז נאָך קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען אומבעשעדיגט. — דענאַן.

זייער לעצטע בעגעגעניש

דער פוקס און זיינע קינדערלעך

אַנ'אַלטער פוקס האָט צוזאַמענגענומען זיינע קליינע פיקסלעך און צו זיי געזאָגט:

— צ'זענט שוין גענוג דערוואַקסענע, צ'זאָלט אייך זוכען אַליין ברויט. זייט מיר קינדערלעך אַלע געזונד, זאָל יעדער פון אייך געהען מיט אַנ'אַנ־דערען וועג.

— אָבער טאַטע, האָט געפרעגט אַ יונג פוקסעל — מיר וועלען זיך שוין קיינמאָל נישט בעגעגענען?

— יאָ קינדערלעך, מיר וועלען אַמאָל אַלע זיך בעגעגענען... ביים קירזשנער...

איין ספּאָרט געפעלט איהם יאָ

די פאַננע גענייע איז אַ פערברענטע ספּאָרט־לערין. די טעג האָט זי „געשויט" אַ חתן, וואָס איז אַ פאַבריקאַנט פון סוויטערס. נאָך אַ שעה שמו־עסען, פרעגט זי דעם בחור:

— פאַניע הענקו, די אַלע ספּאָרטען, וואָס איך האָב אייך אויסגערעכענט, געפעלען אייך נישט, טאָ וועלכער ספּאָרט געפעלט אייך יאָ?

— עק־ספּאָרט פון מיינע סוויטערלעך, האָט דער בחור געענטפערט.

פּיטעל און טרייטעל

פּייטעל: וואָס זאָגסטו דערצו? דעם קבצן האָט מען אויסגעוועהלט פאַר אַ פּרעזעס, און מיך נישט.

טרייטעל: דער ניי־געוועהלטער פּרעזעס איז טאַקע אַ קבצן?

פּייטעל: נו, יאָ, וואו פערגלייכסטו איהם צו מיר? זיין טאַטע איז געשטאָרבען פון סוכאָטע און מיין טאַטע, איז געלויבט צו גאָט, געשטאָרבען פון שמאַלץ ביים האַרץ.

דער גאַליציאַנער „עטץ"

אַ פּוילישער יוד האָט געפרעגט אַ גאַליציאַנער:

— פאַרוואָס זאָגט מען ביי אייך תמיד „עטץ": ווי געהט עטץ, וואָס טוט עטץ, פון וואַנען זענט עטץ?

— עטץ זענט אַ ווילדער עם־הארץ — האָט יענער געענטפערט — עס שטעהט דאָך בפירוש געשריבען אין דער הייליגער תורה, אַז יעקב נו האָט געפרעגט לבנ'ס פאַסטוכער: מאַין אתם — פון וואַנען זענט עטץ?

אַ קליינער טעות

פּאָליציאַנט: אייער פּאַס איז אַ פאַלשער.

— ענטשולדיגט, דער פּאַס איז נישט קיין פאַלשער, איך בין נאָר נישט דער, ווי אין פּאַס.

אַ שפּיצער

גראַף קאַלי האָט זיך עפּעס נישט געפיהלט מיט אַלעמען. צופעליג בעגעגענט ער אַנ'אַלטען פריינד אויף דער גאַס.

— וויפיל רעכענט פאַר א וויזיט אייער דאָק־טאָר בוים? — פרעגט ער זיין פריינד.

— פינף זל. פאַר'ן ערשטען וויזיט, און דריי זל. פאַר'ן צווייטען.

צומאָרגענס לויפט גראַף קאַלי אַריין צום דאָקטאָר.

— גוט מאָרגען, דאָקטאָר, — רעדט ער אַרויס אין איילעניש, — אָט בין איך ווידער דאָ.

אַ פרעמדער

סמוליקאָוו האָט אָנגעקלאָגט בינסקי'ן אין גע־ריכט פאַר נישט בעצאָהלען זיין חוב. דער ריכטער האָט אויסגעפרעגט דעם אָנגעקלאָגטען:

— איהר זענט שולדיג סמוליקאָוו'ן 100 זל.?

— אַבסאָלוט נישט.

— נו, — האָט געפּסק'ענט דער ריכטער — דיין וואָרט איז פונקט אַזוי גוט ווי יענעמס.

סמוליקאָוו האָט שוין געוואַרט ביים אַרויס־גאַנג אויף בינסקי'ן.

— דו פאַטקודניאַק וואָס דו ביזט, ווי אַזוי האָסטו געקענט זאָגען דעם ריכטער אין פּנים, אַז דו ביזט מיר נישט שולדיג?

— הער זיך איין סמוליקאָוו — האָט מיט איהם בינסקי איינגעטענה'ט — דו ווייסט דאָך, און איך ווייס דאָך, אַז איך בין דיר שולדיג געלד, אָבער פאַרוואָס זאָל דער ריכטער, גאָר אַ פרעמדער, ווי־סען וועגען דעם.

—•=—

פאָליטיק פון דער וואָך

מלחמה?

איטאַליעניש מיליטער איז שוין אַרויף אויף דער אַביסינישער טעריטאָריע און — מען שיסט נאָך נישט.

און אפשר שיסט מען שוין יאָ? ווער ווייסט דען אויף גענוי, וואָס דאָרט קומט פאָר? עס איז רעכט, אַז אויף דער אַביסינישער ערד גיסט זיך שוין בלוט ווי וואַסער נאָר די דיפּלאָמאַטיע שווייגט וועגען דעם.

איהר שפּילט זיך מיט דער דיפּלאָמאַטיע! ביי אונז דיפּלאָמאַטען, קאָנט איהר קיינמאָל נישט דערגיין קיין טאָלק, אַז וואָס מיר זאָגען איז נישט דאָס היכטיגע. ווי אַזוי קאָנען מיר אייגענטליך זאָגען דעם אמת, אַז מיר מוזען שטענדיג האַנדלען לויט די געזעצען פון נישט אמת׳דיגקייט.

מיט אונז דיפּלאָמאַטען, וועט איהר ווייט נישט דערגעהן, אויב איהר וועט וועלען אומגעהען מיט אונז מיט׳ן אמת. דעריבער, אַז איהר פרעגט איצט ווי זעהט עס אויס אין אַביסיניען, איז שוין דאָרט מלחמה — ענטפערן מיר אייך:

דאָס איטאַליענישע מיליטער איז אַרויף אויף דער אַביסינישער טעריטאָריע.

אַזוי איז דאָס שוין ביי אונז דיפּלאָמאַטען.

—=—

ער האָט שוין פערדינט
פון דער איטאַליעניש-אַביסינישער מלחמה

אויף דער פייפערוּבקע טרעפען זיך צוויי בלאַטע. זאָגט איינער צום צווייטען:

— הע, זרח; זאָסט אַזוי לעבען מיט מיר, ווי איך האָב שוין היינט געמאַכט אַ מיסמאַטן מיט דער מלחמה.

— ווי אַזוי?

— אויפ׳ן טראַמוויי האָבען צוויי יאָלדאַקעס געשמועסט וועגען דער מלחמה מיט אַביסיניען. ווי האָבען געשמועסט און איך האָב דערווייל ביי איינעם אונטערגעהאַקט דעם טייסטער.

דער טעאַטער-קריטיקער
און אונזערע אַקטיאָרען

אַ טעאַטער-קריטיקער האָט זיך אויסגעדריקט: „כ׳וואָלט בעסער געוואָלט, אַז דאָס טעאַטער זאָל אויסהאַלטען אַ הייזעל, איידער שטעלען אַזעלכע פּיעסען".

נו, האָבען איהם מאַנכע אַקטיאָרען געפאָלגט, און געשטעלט „פרויענהענדלער".

א בעל-עגלה׳שער וויץ

— וואו איז אַהינגעקומען אייער בולאַנער? — פרעגט דער רב דעם בעל-עגלה, מיט וועמען ער איז געפאָהרען אין אַ דערבייאיגען שטעטעל, — געווען אַ ברען, אַ פערד!

— אי, רבי! וואָס ווייסט איהר, — זיפצט דער בעל-עגלה, — אַ מלאך, נישט קיין פערד איז דאָס געווען, ער האָט מיר חתונה געמאכט איין טאָכטער, ער׳ט מיר חתונה געמאַכט נאָך אַ טאָכטער.

— נו, נו, — פרעגט דער רב, — וואָס האָט מיט איהם געטראָפען?

— גאָרנישט, רבי, גאָרנישט. געוואָרען אַלט, האָט ער אָנגעהויבען פראַווען רבנישע שטיק, בין איך פון איהם פּטור געוואָרען.

ב. פרענקלאַך.

נראָף קאָלי.

כפרות

שוין אוועק דער ראש השנה
אלע זינד, און אלע צרות,
פאלען נעביך אויף די עופות,
און מען שלאָגט מיט זיי כפרות.

אַלע שלאָגען איצט כפרות,
ווער אין פראַק און ווער אין קיטעל,
פון די אלטע אַלטע צייטען,
ס׳איז אַנ׳אויסגעפּרובטער מיטעל...

האָט געזינדיגט ווען ר׳ אבא
אָדער גאָר ר׳ בערל שמייסער,
שולדיג איז די הון די ראַבע,
און דער הענדעלע דער ווייסער...

ווי נאָר איינער א פאַסקודניאַק
וועלכער מאַכט נאָר אָן אַ צרה,
וועט ער שטענדיג שוין געפינען
ווער זאָל זיין פאַר איהם כפּרה...

אַלע שלאָגען איצט כפרות,
הייליג איז די עקזעקוציע...
ווער עס שלאָגט מיט קאָמוניזם,
ווער עס שלאָגט מיט קאָנסטיטוציע.

אויסגעזוכט האָט מוסאָליני
א כפרה גאָר נישקשה,
קוקענדיג צו אביסיניע
זאָגט ער שטיל: „זה חלופתי"...

איי וואָס שלאָגט מען נאָר כפרות
דוקא מיט אַנ׳עוף א שוואַכער
און נישט מיט קיין שטאַרקע חיות
אויך נישט מיט קיין „דבר אחר?"...

אוי די שטאַרקע בייזע חיות
איינגעזונקען זאָלען ווערען!
בעט מען זיי פאַר א „כפרה"
ווילען זיי דערפון נישט הערען!...

א תפלה פון אביסינישען קייסער
צום פעלקער-בונד

ובכן תן פחדך, ווארף אן דיין פחד אויף מוסאָליניען... ויראוך כל „המעשים".... פאַר „סאַנק-ציעס" וועט ער אפילו דאָך מורא האָבען, ויעשו כלם אגודה אחת לעשות רצונך, אלע פעלקער זאָלען מוזען טון דעם רצון פון פעלקער-בונד, שהשלטון לפניך און זאָל מען איינמאָל פאַר אלע מאָל דאָך וויסען אַז דער פעלקער בונד האָט די דעה... ובכן תן כבוד און אַזוי אַרום וועלען זיי אַרויס פון דער בלאָטע מיט כבוד...

בעניעלע זאַלץ.

פאָליטישע לעקערלעך

ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דער איטאַליענישער דעלעגאַט אין זשענעווע, רעדט — באָמב-אַסטיש.

דאָס נייעסטע ווערטעל פון די ענגלישע מאַטראָזען:

— באָמבאַרדירן נעאַפּאָל און דער נאָך שטאַרבן.

* * *

וואס לאדזער סוחרים
בעטען דעם מיניסטער

צום פינאַנץ-מיניסטער האָט זיך די טעג געווענדעט א דעלעגאַציע פון לאָדזער סוחרים. די דעלעגאַטען זענען אַריין אין קאַבינעט פון מיניסטער זיך אַוועקגעזעצט און קיין איין וואָרט נישט אַרויס גערעדט. נאָך עטליכע מינוט שווייגען, פרעגט דער מיניסטער:

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— מיר פון אייך, פּאַניע מיניסטושע, פערלאַנגען גאָרנישט. מיר זענען טאַקע געקומען אייך בעטען, אַז איהר זאָלט פון אונז אויך נישט פערלאַנגען...

נייע פעראיינען
וואס האלטען ביים געגרינדעט ווערען

עס האָבען זיך אָנגעמאָרלען פאָלגענדע נייע פעראיינען צום לעגאַליזירען: געזעלשאַפט, וואָס זוכט אַ האַנד צום ברידזש. פערבאַנד פון די, וואָס בעווייגען זייערע פערלוירענע מאַנדאַטען.

קלוב פון מענשען, וואָס שטרעבען צו פערקלערען די שטייערען און ס׳דירה-געלד (פאַראויסגעזעהען פון דעם קלוב 30.000.000 מיטגלידער).

פיניעלע מזיק
בעט מחילה

יעץ גייט צי יורן קיפער מימע זיך ביבעיטן. אַ גאַנץ יוער איז עפּיס אנדירש. כ׳לאַד ניש קאַ גראַנדיס געב איעך לושן. וואָעס זאָל איעך טין. אַז איעך בין א פיביסינער אַנטעסטעמיט פין די ווילקער שמאַלץ-באַכער. ס׳קרענקט מיעך וואָעס זיי פרעסן געננדזונס אינדעוואָכנס, אין באַ אינץ, אין שמולן געסל עסט מע אין סאמאראדנעם סימכיס טוירע קאָפּ-פליייש.

איעך לאַד ניש, וואָעס זיי, די ווילקער, מאַכן נאָעך די מישיגינע קינץ — ריכמוניס, ריכמוניס אָף די באַליטער — אַזוי האַלטן זיי אין איין טשאַקען די פאַוויעטזשע. קימט ציפּורן עפּיס אַ מריקאַנער נעמין זיי עיעם אַראָף אָף אַ סאַמאָכוד אין שלעפּן עיעם אַראָפּ קאַ באַליט וואַזן די נויט, אין נאָכן וואַזן די נויט זעצן זיי זעך אַוועק אין אַנ׳עסטראַצעיע אין פרעסן זיך אויען ווי די ביקיס.

ני, בין איעך שטאַרק בייז אָף די ווילקער שמאַלץ-באַכער אין אָף די פאַרביקאַנטן, וואָעס קענע נעבעך ניש ציקיקן ווי אַ יודישער וועיבער אַרבעט שוועיר אין ביטער, אוי וואָלט איעך די סכידישע פאַרביקאַנטלעך אינטערגיקיפּט די זאַטן!

נאָר לאָמער דויס איבערלאָזן אָף נועך יורן קיפער. יעץ מימע זעך ביבעיטן. וואָעס גיוועין איז גיוועין. לאמער אַלע יודען, אַפיליק די ווילקער, אובן א גיט יוער, אין א גימאר כצימע טויבע,

דעוואַל אָצץ מיער אַלע אַ גיטן שאַביס, א גיטן יורן קיפער אין זאַצץ מיער גיזינט.

איהרע בעדינגונגען

די פרוי אַבראַמאָוויטש דינגט אַ נייע דינסט.

— מיט וואַשען? פרעגט זי.

— יאָ.

— מיט פאָרטערירען?

— יאָ.

— און קינדער זענען דאָ?

— יאָ.

— וויפיל?

— צוויי.

— נו, גוט, כ׳קאָן מיך זגאָדזשען, נאָר מיט איין בעדינג, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין דריטעס.

זיין חכמה

— כ׳האָב זעהר גערן קלוגע פרויען, נאָר איך וואָלט קיינמאָל נישט געהייראַט אַ פרוי, וואָס איז קלוגער פאַר מיר.

— נו, אויב אַזוי, וועסטו דאָך בלייבען אַנ׳אַלטער בחור.

חשבון הנפש
פון עליאַש.

עס קומען די ימים נוראים,
ווען ס׳ציטערט אין וואסער א פיש,
און איך בין פערפלייצט פון חטאים,
און יעדערע זינד איז נאָך פריש.

געשלאָסען האָב איך דעם סך - הכל,
דעם חשבון הנפש פון יאָהר:
געטרונקען פון ליפּען אָהן „שהכל",
פון אויגען פון צעהנדליגער פאָר.

געלעבט אין א פרעהליכער סביבה,
מיט וויין און מיט ליבע פערבראכט,
צום הארצען געדריקט אַ נאַאיווע,
און האָב נישט קיין ברכה געמאַכט.

צו הייראטען צוגעזאָגט מירלען,
„געבאָרגט" זיך דערווייל איהר נדן,
א רינג פון דעם געלד געקויפט צירלען,
א ווייבעל געקושט פון אַ מאַן.

געקנהט פאר דער שעהנער צפורהין
צו לאָהין מיין ליבע ערקלערט;
און רבקהין און חנהין און דבורהין,
די הערצער צובראָכען, צושטערט.

געשריבען פיל לידער און סקיצען,
און אַלץ וועגען שעהנעם געשלעכט,
מיט מיידלעך אין פאַרק פלעג איך זיצען
און שטערען די רוה פון די נעכט.

הכלל, איך זינק טיפער און טיפער.
אין זינד, יאָ איך ווייס עס אויף קלאָר;
די פרויען — זיי זענען די ציפער,
וואָס מאַכען דעם חשבון פון יאָהר.

עס וועט מיך שוין קיינער נישט רעטען,
פון גיהנום, פון אייביגען פיין;
געגאַנגען אין שוהל וואָלט איך בעטען,
ווען —כ׳דאַרף יעצט ביי פערעלען זיין...

ער איז נישט קיין היגער
אַנ׳ארץ-ישראל-וויץ

אין תל-אביב פרעגט אַ פּאַסאַזשיר דעם באַהן-קאָנדוקטאָר

— וואוהין געהט דער צוג?

— כ׳ווייס נישט, כ׳בין נישט קיין היגער — האָט דער קאָנדוקטאָר געענטפערט.

ס׳איז זיי נעבען שווער
רעדען זיי וועגען די אײדעמס

— דו ווייסט, מענדעל, כ׳וואָלט געוואָלט, אַז מיין צוקונפטיגער איידעם זאָל זיין אַ קורצזיכטיגער.

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס?

— גיב אַ קוק אויף מיין טאָכטער וועסטו פערשטעהען.

— יא, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין איידעם?

— מיין איידעם? איין אַפעריסט, איין גנב, איין אויסוואורף.

— דהיינו?

— ער האָט פערקויפט די זילבערנע לעפעל, וואָס איך האָב איהם געגעבען דרשה-געשאַנק, פאַר וועלכע איך אליין האָב נישט בעצאָהלט — אַזאַ זשוליק!...

---

7 חכמות פון דער וואָך
פון בעניעלע זאַלץ

זשענעווע. 1 נאָכמיטאָג איז פערענדיגט געוואָרען די זיצונג פון פעלקער בונד ראַט, דער ראַט האָט איינשטימיג בעשלאָסען אָנצוווענדען אין דער גאַנצער ברייט דעם ארטיקעל „פופצעהן" פון פאַקט כדי מ׳זאָל איטאַליען קאָנען דערלאַנגען די אמתע פייג פון „חמשה עשר".

* * *

פאַר וואָס האָט דער קאָמיטעט פון דרייצעהן בעשלאָסען פערטיג צו מאַכען זיין ראַפּאָרט אין משך פון „צעהן" טעג, און גלייכצייטיג דאָך פיהרען וויטערע אונטערהאַנדלונגען מיט איטאַליען?

ווייל דער קאָמיטעט רעכענט דאָס איצט אין די עשרת ימי תשובה וועט איטאַליען האָבען חרטה און טון תשובה...

* * *

און פאַרוואָס בעשטעהט איצט דער אויסגלייך קאָמיטעט אין זשענעווע אין א צאָהל פון דרייצעהן?

ווייל ער האָפט עס וועט איהם בייאשטעהן דער זכות פון „שלשה עשרה מדות".

* * *

פון בערלין טיילט מען מיט, דאָס יודען ווערען דאָרט נישט אריינגעלאָזט אין די טעאַטערען און קינאָס.

ווייל די נאַצים האַלטען דאָס די יודען האָבען וועגען זיי אָהן טעאטער אויך א גענוי בילד און א נאָך מעהר גענויע פאָרשטעלונג ווער זיי זענען...

* * *

מוסאָליני האָט זיך אויסגעדריקט דאָס זיינע פאָדערונגען בנוגע אביסיניען זענען מינימאַלע. יאָ אזוי זאָגט ער אין דער אמתען אָבער מיינט ער ..מינים-אלע"..

* * *

וואָס איז דער אונטערשיד צווישען אַמאָליגען רוים און היינטיגען דייטשלאַנד? עס איז א גרויסער אונטערשיד, ווייל אין רוים האָבען מיר יודען נאָר געליטען פון איין „נירון" און אין דייטשלאַנד ליידען די יודען היינט פון „נירון"בערג...

* * *

פאַרוואָס קומט אָפט פאָר אין די ארץ ישראל תפיסות פון די ארעסטירטע עולים הונגער-שטרייקען?

ווייל „אווירה דארץ ישראל מחכים" און עס שטעהט דאָס בפירוש „ולא לחכמים לחם".

דער יונגער דיכטער
און דאָס דאַנסינג-מעדעל

יונגער דיכטער (צו אַ דאַנסינג-מיידעל): פאַננעלעניא, איך לעג צו אייערע פיס מיינע נייע דיכטונגען

זי: א, איצט פערשטעה איך, פאַרוואָס די פיס זענען מיר פלוצים איינגעשלאָפען...